STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06532

UNDZERE TEG

H. Goldovsky

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ה. גאָלדראָווסקי

אונדזערע טעג

ארויסגעגעבן פון לאָס אַנגעלעסער צווייג
אידישע קולטור געזעלשאַפט
לאָס אַנגעלעס, קאַליפאָרניע
1934

פון זעלבן אויטאָר

פריירי לאנד

1927

Copyrighted 1934
By
H. GOLDOVSKY

New Deal Press — 518 E. 9th St., Los Angeles, Calif.

פוץ זיך אויס

פוץ זיך אויס אין די קליידער די שענצטע —
ס'שרייט אין פענצטער די זון: קום ארויס!

— — — — — — — — — —

דיך באַגעגענען וועט מען אין שמאַטעס,
טרייב די זון פון דיין האַרצן ארויס.

העננ זי אויף אף דער העכסטער געביידע,
אפן טורעם פון שטאָט הענג זי אויף,
און זאָל יעדערער, ווער ס'איז אין שמאַטעס,
זיינע אויגן פארהויבן ארויף.

וועט די זון אים פארוואונדן אין האַרצן,
וועט ער אָננעמען צענטער פון וועלט
און — אַ טרייסל! — אף שטענדיק פארטריבן
שוואַרצע נאַכט, וואָס האָט ליכט אונדז פארשטעלט.

דאן פוץ אויס זיך אין קליידער אין שענצטע,
צו באַגעגנען די זון גיי ארויס,
און די זון, וואָס וועט לויכטן אין הארצן,
זינג אין לידער אין פריידיקע אויס.

מעין סטריט

(1933—1930)

דאָס פידעלע

זיי גייען אין צווייען: דער בלינדער
געפירט פונם מענטש מיט דער קוליע.
דער בלינדער — אַ פידל אַ וואונדער
צום הארצן ער האַלט צוגעטוליעט.

עס קומען אַן מענטשן און גייען,
געהויקערט פון ביטערע לאַסטען,
און שטילערהייט זיפצן פארזייען
זיי איבער דער ברוסט דער צעכראַסטער

פון בלינדן און טיף אין זיין פידל,
וואָס הויבט דאן אַן שטילערהייט קלאָגן
אריבער געשריי און געזידל
פון רייכע וויטרינעס און ראָגן.

אָן אַ האַנט

אַ מענטשן־ים אף ביידע טראָטוּאַרן.
שטראָמען צוויי. אַהין, צוריק.
און פאָרן הענט זיך שווינגען, שאַרן,
ווי בא אַ גייערן אף שטריק.

נאָר פלוצלונג גיט אַ שוואונג אַן ארבל.
עס קוקט אַרוים אַ שוואַרצע לאָך
און עסט זיך איין מיט בליקן האַרבע
אין שטראָמען צוויי, וואָס פליסן נאָך.

צעשווינגען זיך מאַשינען־פּאַסן,
אַזש בלויער הויך ווערט שוואַרץ, באַטריבט.
מאַשינען שלינגען הענט און שפּאַסן:
העי, „שאַף און גיב אונדז!" „שאַף און גיב"...

און גלייך ווערט שטיל דאָס מעין סטריט רויישן,
און פינצטער ווערט פון העלער הויט.
אַ הויקערקע שלעפּט פולע קוישן
זריעה קערנער פארן טויט.

דער מענטש מיט לאַנגע האָר

דער מענטש מיט לאַנגע האָר האָט זיך געשטעלט אין מיטן גאַס.
ער האָט זיין מויל צעעפנט און צעזונגען זיך אין וועלט:
שטילע לאַנקעס גרינען
באַ א שטילן ברעג;
בלומען דאָרטן שפּינען
טרוימען נעכט און טעג.
ביז דער פּארקער פּאָליסמאַן איז געוואָרן רעכט אין כעס
און האָט אַט דעם לאַנג-האָריקןביים ראַג אַוועקגעשטעלט.

דער מענטש מיט לאנגע האָר האָט פאַרגעזעצט זיין ליד.
ער האָט צעזונגען זיך נאָך שטאַרקער, הייסער איצט:
אין לבנה שטראַלן
טויכט זיך דאָרט אמור;
עכאָן נאַכטיגאַלן
דאָס ליד פון דער נאַטור.
דערוויל האָט עמיצער זיך דורכגעשטופּט צווישן עולם אינדערמיט,
האָט אויפגעפּאַקט אַ רענצל און ט'זיך שטאַרק צעהיצט:
„קויפט שניפּסן, זאָקן, ביליק, ריינער זייד" —
עס האָט געקייכט די גאַס און זיך געכאַפּט ביים זייט...
און עמיצענס אַ שטאַרקע האַנט האָט זיך געגעבן אַ צעפּיר,
און האָט דעם מענטש מיט לאַנגע האָר אריינגעשטעלט
אין שערערס טיר.

אױף די ראָגן

אױף די ראָגן שטײען בלינדע —
יעדער אױסגעשטרעקט זײַן האַנט —
איז ניטאָ װער עס זאָל פירן
זײ אין דורכגעזונטן לאַנד.
איז ניטאָ װער עס זאָל פירן
זײ אין דורכגעזונטן לאַנד.

אױף די ראָגן שטײען בלינדע,
בעטלען, בעטלען נאָכאַנאַנד.
קײנער לײגט ניט קײן מטבעה
זײ אין אױסגעשטרעקטער האַנט.
קײנער לײגט ניט קײן מטבעה
זײ אין אױסגעשטרעקטער האַנט.

אױף די ראָגן שטײען בלינדע,
װאַשט אַ טרער דעם אױגן־ראַנד.
לאָזן זיך אַלײן די בלינדע
יעדער מיט זײַן שטאָק אין האַנט.
לאָזן זיך אַלײן די בלינדע
יעדער מיט זײַן שטאָק אין האַנט.

איבער שטײנערדיקער געגנט
איבער װעגן אומבאַקאַנט,
און זײ נעענען גיכער, זיכער
צו דעם דורכגעזונטן לאַנד.
און זײ נעענען גיכער, זיכער
צו דעם דורכגעזונטן לאַנד.

אין גאָלד־באַפּוצטע גאַסן

זיי גייען אום אין גאָלד־באַפּוצטע גאַסן
מיט אויגן גלאַנציקע פון וואנזיניק־באַגער.
פון בלויען הויך עלעקטריע־תאווה־פּאַסן
געלאַסן ציען זיך צו יעדן „זי" און „ער".

עס רופּט די לופּט זיי אין אַ וואַקכאַנאַליע:
אַראָפּ די בושה און ארונטער יעדע צאַם!
און רייצנדיק שוועבט אום דאָ יעדע פרויען־טאַליע
און יעדער מענער־קוק איז ווי אַ פלאַם.

נאָר אייטערדיקע וואונדן פרייכן דורך די קליידער
און זעצן זיך אַף יעדן ראַג, ווי א געשוויר,
אין הענט פון פרויען, וועלכע מאַנען דאָ כסדר:
„אייך צו־געזונט, קויפט עפּעלאַך פון מיר!"

פון שטייגנדיקן גויט צעוואַקסן זיך געשווירן־עפּל
אין אויפריים־קוילן צוויי באַ יעדער פרוי אין האַנט
און שפּרייטן אוים אַ גיפטיק שנאה־נעפּל
אריבער פולן ברייט און לייננ פון לאַנד.

אַט באַלד וועלן זיך אָנצינדן מיליאָנעדיקע פלאַמען
אין הערצער בלוטנדע, וואָס שווייגן נאָך אַצינד,
מיט פייער גלוטיקן צו רייניקן און ראַמען
אַ וועלט, וואָס פוילט אין אייטערדיקער זינד.

ליבע

דו ביסט דאָך זיכער ניט דאָס מיידל, וועלכע זינגט
מיט אַ פארכאלעשטער סאָפּראַנאָ אַף דער ראַדיאָ
די אונטערנאָזעדיקע ליבע לידער מיטן אויסגעצויגענעם
יו... או... או...

דו ביסט דאָך זיכער אויך ניט יענע, וועלכע ליגט,
ווי אַ פאַרצייטיקע וועגערע אַף די קינאָ־שילדן
מיט אַ רייך־צעפוילטן גוף פון צופיל זנות און רו.

דו טראָגסט אַ פּראָסטן ציצן־קליידל און דיין פּנים
דער מאָנגאָלישער איז בלייך פון יאָרן־שטויב אַרום מאַשין —
טאָ וואָס־זשע שעפּטשעסטו: „איין טאלער נאָר...
ווערסט זען... סט'זיין גוט...” האַלב־ווערטער, אָן אַ זין?..

איך וואַרף אַוועק די לידער, די לונאַטישע,
וואָס אונדז געזונגען האָבן אַלע דיכטער פון דער גאָרער וועלט.
דיין שטילער הונגעריקער שעפּטש האָט זיי פאַר מיר פאַרטויבט,
האָט זיי פון מיר פאַרשטעלט.

כ'צעברעך די אַלטע גריכישע און ביז די לעצטע סטאַטועטקעס
און סטאַטועז, וועלכע שרייען אין וויטרינעס און אין קינאָס
גוף, גוף, גוף,
ווייל איבער זיי זיך טראָגט דיין ציטערדיקער שטימעס
הונגריק־אויפגערעגטער רוף
צו רעגן אַלטע וועלט, וואָס שטאַרבט אין אימפּאָטענץ,
אין גוססע קאָנוואַלסיעס פון דושאַזעדיקע טענץ.

טייבעלאַך

געשטאַנען איז זי בײַ אַ קראָם אינדערפרי
— צעלאָזן איר קאָפּ גרויע האָר
איר אַלטינקע קלייד האָט אין ווינט זיך געווייט —
און געקוקט אויף דער טייבעלאַך פּאָר.

צי איז אַ שפּאַס? גאָר אַ טויב דאָ אין גאַס?!
עס גלויבט זיך דאָך עפּעס קאַם!
ס'האָט דער קרעמער אַהער זיי געבראַכט, כדי ער
זאָל קונים פאַרנאַרן אין קראָם.

זי שטייט און זי קוקט. דאָס פּנים אירס צוקט.
אַ פאַרב גייט אין באַקן איר אויף.
זי זעט זיך אַמאָל אויף איר פאַרם אין טאָל.
אַ טויבנשלאַק אין מיטן פון הויף,

און קינדערלאַך פּיל, דאָרט פאַרטאָן אין אַ שפּיל,
ווי בינען, זיי זשומען מיט פרייד.
אין זון ווייט און ברייט ליגט דאָס פעלד אויסגעשפּרייט
איר מאַן גייט ארום דאָרט און זייט.

פון גרוי גרויען פרי האָט איר מאַן זיך געמיט
אויך זי מיט די קינדער ביז שפּעט.
געאַקערט, געשפּינט, נאָר דעם גאַנצן פאַרדינסט
באַרויבט האָט די באַנק מיט פּראָצענט.

דערוויילע איז מעק אין מלחמה אַוועק
און איז ניט געקומען צוריק,
און באָבי ער האָט זיך געלאָזן אין שטאָט
צו אַרבעטן אין אַ פאַבריק,

און וואָרעז, און מייק אין דעם באַינע־סטרייק
פאַר אַ בלבול זיצן פאַרשפּאַרט.
דעם אַלטן ט׳דאָס גאָר פאַרקירצט זיינע יאָר.
צעקריינקט ער זיך פּלוצלונג און שטאַרבט.

און מאַלי — ס׳האָט איר א רייכער פאַרפירט.
געשטאָרבען איז זי אין שפּיטאָל.
האָט די אַלטע אַליין מיט אַ פּעקל אַ קליינס
פאַרלאָזן די פאַרם אין טאָל.

די אַלטע ווערט בלאָס. אַרום קראָם אפן גאָס
הויבט אן עולם די קעפּ צו כאַפּן אַ בליק.
קומט דער קרעמער אַרויס און שיט קערנדלאַך אויס
פּיקן טייבעלאַך: פּיק, פּיק, פּיק, פּיק.

א גנבה

בײם זיבצניעריק מעקסיקאַנעם אינגל
האָבן די פּאָר שמאַטעס געציטערט אין דער האַנט,
און ראָטשטיינס בײנערדיקע פינגער האָבן אים געהאַלטן
פאַרן העמדל קאָלנער און געשפּאַרט אים נענטער צו דער וואַנט.

דער עולם איז געלאָפן נײגעריק פון אַלע זײַטן
מיט אויגן װײכע פון רחמנות, אויגן אָנגעשפּיזט מיט בלוט.
נאָר באַלד האָט זיך דערהערט אַ פײַף. און אויטאָ
האָבן צװײ פּאָליציאַנטן דעם אינגל ארײַנגערוקט.

צעטראָגן אױפגערעגט האָט ראָטשטײן צוגעשלאָסן
זײַן שמאַטעס קרעמל יענעם האַרבסטיקן פאַרנאַכט.
אין הויז נאָך װעטשערע האָט ער זײַן עדװאַרדסן
דערלאַנגט אַ קלינגענדיקן פּאַטש, װײל יענער האָט געלאַכט.

און שפּעטער באַ דער זיצונג פון פאַרײן האָט ער אַ פײַנפּערל געגעבן
און האָט געדונערט, אַז די אָרדנונג מוז יעדער דײנקנדער פאַרדאַמען.
אין תּפיסה אַ צעביילטער האָט געווײנט דער מעקסיקאַנער אינגל;
„וואָס וועט ווערן פון מײַן אַלטער הונגעריקער מאַמען!..”

ארום וואַגשאַל

פֿרעגט דעם בלייכן פּנים,
ארום וואַגשאַל דאָרטן,
ווי קומט ער אַ פּעני
אַהין אריינצוזואווארפּן?

יעדער שפּיגל דאכט זיך
וואָלט אים גלייך געוויזן,
אז פון זיין דיעטע
הונגער טוט אים גריזשען.

און וואָס האַלט ער דאָרטן
אַזוי לאַנג זיין קוויטל,
אז זיין גוף איז ענלאך
צום געקרייצטן ניטל?

וועט ער אייך דערציילן
ריידן ווערטער הארבע:
שוין געקלאַפּט אין טירן,
נאָר ניטאָ קיין ארבעט.

שוין געקוקט אין צייטונג,
אָנגעזען זיך „גליקן",
נאָר אין שטוב דעם הונגער
קען מען ניט דערשטיקן.

נאָיעט מיר אין האַרצן,
כ'הויב זיך אָן אַזש שעמען.
טראַכט איך, כ'וועל אַ קוויטל
דאָ זיך ארויסנעמען.

זעען וואָס מיין מזל
וועט מיר עפּעס זאָגן.
זעסט? דאָ שטייט, אַז צרות
קאָן איך פיל פאַרטראָגן.

נאָר עס קומען צייטן
פול מיט רויטע שלאַכטן
צו באַפרייען יעדן
הונגעריק פאַרשמאַכטן!..

און אין בלייכן פּנים
גאָרניט צו דערקענען
רויטע פלאַמען צינדן זיך
און ברענען, ברענען...

ארבעטלאָזע

א גאַנצען טאָג פאַרשווענדט אין ציללאָזן שפּאַצירן,
געבראַכן דער געמיט און פיס זיך ברעכן שוין.
ווי בעטלער אָנגעקלאַפּט אין פעסט־פאַרמאַכטע טירן
צו זוכן שווערע מי פאַר נישטיקן באַלוין.

מיר האָבן, מעין סטריט, דיך אליין געשאַפן
מיט די מאַשינעס, די געביידעס, דעם געוויש,
האָסטו געפאַנגען אונדז, פאַרקויפט פאַר הונגער־שקלאַפן,
גענומען א פּאָר זילבער־רענדלאך פאַרן טויש.

פון אונדזער שוויים און בלוט פאַרראָסטעט ווערן קייטן,
מיר רייסן זיי ווי פעדים פון א דינעם שטריק.
מיר קומען וועלט פון רענדלאך־הענדלער צו פאַרבייטן
אף נייער וועלט פון פרייהייט און פון גליק.

אין שקלאַפן מאַרק

אַ, חבר צוליב וואָס האָב איך גענומען
דאָס קעסטל שאָקאָלאַד פון דיר פאַר מיינע קינדער?
אז איצט האָב איך דאָס אין מיין פּאָלע ארייננגענומען
און וויקל עס, ווי אַ גנבה, ארונטער און ארונטער.

עס בריט מיך יעדער קוק פון הונגעריקע אויגן,
און דאָס קעסטל שאָקאָלאַד איז ווי געריבטער ברויט.
און מיין פּאָלע, וואָס איך האַלט פאַרבויגן,
ברענט מיין לייב, ווייל גאַנץ איז נאָך מיין קלייד.

איז וואָס וועט זיין, ווען איינער וועט מיך נעמען:
— „העי, ברודער, גיב אַהער, וואָס דו האלטסט דאָרט באַהאַלטן?"
און מיין גאַנצע קלייד וועט ער פון מיר ארונטערנעמען.
איז וואו וועל איך פאַר בושה זיך אליין באַהאַלטן?

צי דאַרף איך שטעלן זיך אין שוץ פון שטאָט-געוואַלט
און בענטשן מערדער אַנגעדונגענע, באַוואָפנט,
אז מיין אייגן האַרץ ברומט, ווי אַ וואָלף אין וואַלד,
אין ברען פון הייסן טאָג, אין מיטן מאַרק פון שקלאַפן!

אין קעשענעס די הענט

I

זיי שטייען אַף די ראָגן. קליידער אָפּגעריסן,
די שיך צעקרימטע, אין קעשענעס די הענט.
עס קלינגען ראַגן־גלעקלאַך. זאַטע מחנות פליסן,
נאָר זיי, פארהונגערטע, זיך שאַרן בא די ווענט.

די ווענט זיינען געבויט פון ריינע מארמאר־שטיינער,
און אין די ווענט ליגט לוקסוס, שפייז צו זאַט,
נאָר אָנרירן די ווענט דערוויילע וואגט ניט קיינער,
ווייל יעדער איינער האַלט דערוויל נאָך שטאַט.

און רעוואָלווער צי גאז אין הענט אריין זיי נעמען
איז עס געווענדט אַנטקעגן זיך אליין.
אַ שטיקל ניים אין ציַיטונג: „מאַן און פרוי זיך נעמען
דאָס לעבן” — געזעצט אין אותיות קליין.

די לופט איז אָנגעלאָדן איצט ווי ערב־שטורעם.
אין טיפן ערגעץ צינדט זיך אָן א פונק און ברענט.
עס סמאַליען שוין די ווענט פון פּאַלאַץ און פון טורעם
און ס׳ביילן זיך אַף ווענט אין קעשענעס די הענט.

יעדער טאָג

יעדער טאָג איז דערזעלבער אַף מיין סטריט,
ווי צוויי טראָפּן וואסער אין ים.
יעדן טאָג אַלץ די זעלבע געשרייען,
אין שוי־פּענצטער פוילנדער „כלאַם".

יעדן טאָג אַרום טיר פון בופּעטן
שטייט די הונגעריקע מאַסע און וואַרט:
וועט זיי קיינער אַריינגיין ניט בעטן,
כאַטש אַ ריח פון עסנוואַרג שפּאַרט.

יעדן טאָג שמעקט דאָ אום אַ פּאָליסמאַן
אַ סאָלדאַט־כאַפּער, אַף זיין אָרעם אַ באַנד,
און, באַשמינקט, אין אַ קלייד אַ באַטיסטן,
אַ ווינקענדיק „מיידל פון שאַנד".

נאָר די פרוי מיט דער „אַרבעטער צייטונג",
צעשפּרייט אַפן ברייט פון איר ברוסט —
ווי אַן אָנזאָג פון בליאיקע צייטן,
ווי אַ רויז אין אַ דערענער קוסט.

פראַשקעס

אין אַ קעסטל הינטער גראַטעס
אַ געשטרייפטע שלאַנג;
און אַ מענטש מיט האָר אַ פּאַריק
שיפּעט שנעל און לאַנג.

— בויך, צי האַרץ, צי נערוועןֽ? —
עס איז אייער בלוט.
קויפט אַ פּראָשעק נאָר אַזעלכן,
ווערט אייך ווידער גוט. —

און אַן עולם שטייט און הערט דאָ,
וואַרט ווי אַף אַ נס.
יעדער פילט אַ מחלה עפּעס
שוין פון לאַנג אים פרעסט.

ווער עס ליידט פון ניט דערעסן,
ווער פון אַרבעט סם,
ווער פון הויז־הייזער צעפרעסן,
ווער פון אַלטקייט סתם.

אז הער גאָט איז שוין געשטאָרבן
און דאָס לעבן — שווער.
וואַרט אַף נס אַ וועלט א חולה,
שטייט דאָ שטום און הערט.

גאָטס אַרמיע

גאָט שיקט אַרוים זיין אַרמיע
אין אַ דערלייזונג שלאַכט.
גאָט שיקט אַרוים זיין אַרמיע
יעדן פאַרנאַכט.

פייקלאַך, סאָלדאַטן אין פאָרמעס,
מיידלאַך מיט הייליק געזאַנג —
כאַפּן נשמות ווי פישער
איז גאָטס פאַרלאַנג.

„קומט צו מיר די וועלכע ליידן,
אפן פאַר אייך איז מיין הויף!"
נאָכדעם גייט גאָט צווישן עולם
פענים קלייבט ער צענויף.

קומען צו גאָט די, וואָס ליידן,
בעטן אף ברויט, אף אַ בעט.
גיט ער אַ טעלערל סופּ זיי
פאַר אַ געבעט.

טענה'ט מען: „גיב פאַר די קינדער
העלף די קראַנקע, ניט דאָ געדאַכט!"
הערט גאָט אוים, ווי ניט אים מיינט מען,
האַלט זיינע אויגן פאַרמאַכט.

גאָט שיקט אַרוים זיין אַרמיע
אין אַ דערלייזונג שלאַכט.
גאָט שיקט אַרוים זיין אַרמיע
יעדן פאַרנאַכט.

דער נביא

ער קוקט ניט אין שטערן אין ווייטע,
ער הערט ניט קיין קול פון קיין גאָט.
זיין פּנים — שרייט הונגער פאַרשייטער
אין רייכסטן קוואַרטאַל פון דער שטאָט.

מיט הענט האָט ער שטיינער געריסן,
מיט הענט האָט ער קליידער גענייט,
דערפאַר גייט ער אום אָפּגעריסן,
זיין הויז איז דאָס אָרט, וואו ער שטייט.

ער בייזערט זיך ניט און ער שילט ניט,
ער קריצט נאָר צעווישן די ציין:
„אַז ווי איז צו דעם, וועלכער פילט ניט
די טריט פון די נייע אַרמייען,

וואָס קומען פון אלע פיר עקן
צו טויטן די גוססע וועלט!"
און ווייט פון אַהינטער די שרעקן
אַ ליכטשיין זיין פּנים באַהעלט.

דער טאָג

דער טאָג האָט זיך צעלאָזט מיט ברייטן שמייכל
פון בונטע שטראַלן זון אַף הימל־בלוי,
האָט אָנגעפילט די פענצטערדיקע קאַסטנס
מיט האַפערדיק געזאַנג, מיט שוואונג פון ווייטן רוים.

דער קלונג פון די טראַמווייען, די געשרייען
פון הונדערטער סירענעס איז געווען אַ לויב
צום אויפגעפראַלטן טאָג, דעם וואַגנדיקן זיגער,
וואָס האָט געלאָזט זיך שפּאַנען איבער גאַס.

נאָר דאָ האָט זיך דער טאָג צעמישט מיט גרויער מאַסע,
וואָס האָט אַ ליידיק פלאַץ פאַרנומען בא אַ זייט.
ער האָט אריינגעגאָסן זיך אין פלאַמענדיקע אויגן
און האָט אריינגעקוקט: וואָס זאָגט איר ניט צו מיר?

עס האָט אים קיינער ניט געענטפערט. דער עולם האָט
געשריען: „גיט אונדז ברויט פאַר ווייב און קינד!”
אזוי אָ פשוט אויסגעשריען: „שטילט דער הונגער אונדז
אַניט... אַניט... אַניט... אַניט...

און דאָ זיינען געקומען גראָבע היטער פון די שפּייז־אַמבאַרן
און האָבן שטעקענעס געלאָזט אריבער קעפּ.
ס'האָט בלוט פאַרשפּריצט דעם טאָג. האָט ער זיך אַ פאַרשעמטער
מיט ציטערדיקע קני אוועקגעלאָזט אַף גיך.

מען האָט געזען דעם טאָג אַוועקגיין ערגעץ,
און וואָס מען האָט אים ניט צעזוכט, געווען איז אומזיסט.
נאָר שפּעטער האָט מען זיך דערוואוסט, אז ער איז נאָר אַ שליח
פון אמת־העלן טאָג, וואָס איז ערשט אַפן וועג.

יעדעס ליד

יעדעס ליד, וואָס איך פֿאַרטראַכט, צעגייט אין רויש פֿון שטאָט.
יעדעס ליד, וואָס זינגט אין האַרץ, פֿאַרהילכט אין שטיין און אין גראַניט.
עסט דאָס ליד אין טיפֿסטן טיף און גראָבט דאָרט ווי אַ קראָט,
און האָט קיין אויסוועג ניט, און האָט קיין אויסוועג ניט.

שפּרייטן זיך די טריט, די מיד־פֿון־הונגער טריט...
זוכן ברויט די הונגערלייט אין שפּייכלער פֿול מיט קאָרן און מיט ווייץ.
זוך איך אויך מיט זיי. איך בין אין זייער מיט,
ווערט דאָס האַרץ מיט האַס, מיט סם פֿון טויט פֿאַרפּלייצט.

ס׳רוישט נאָך אַלץ דער פּויק פֿון זעטיקן פּאַראַד;
גיסט זיך בלוט פֿון הונגעריקע נעגער־ווייסלאַך בא דער זייט;
רייסט זיך אויס פֿון האַרץ אַ ליד, אַ שיפֿעץ פֿון אַ האַד:
אַ, וועלט פֿון הונגער־נויט געקומען איז דיין צייט!

דער הונגער אין מאַרש

1.

ווי איך עם מיין מיטאָג מאָלצייט
ביי אַ טיש אין רעסטאָראַן,
קומט אַ הונגער־קינד צו מיר צו
קוקט אין אויגן מיר אריין.

רוק איך אָפּ מיין אָרים מאָלצייט,
ווער אזש בלייך און רויט פאר שאַנד,
קלאַמערט זיך דאָס קינד אין מיר איין,
נעמט און פירט מיך פארן האַנט

איבער טיפע קעלער־שטיבער,
אין הקדשים אפן פעלד,
דורכן פלאַם פון הונגער אויגן
אין די פנימער פארגעלט.

פירט אַ גאַנצען טאָג ארום מיך
איבער הונגער־לאַנד דאָס קינד,
און פארנאכט שוין מיד, צעבראָכן
כ׳לאָז זיך צו מיין הויזגעזינט...

נאָר דאָס קינד פארשטעלט דעם וועג מיר,
נעמט מיך אָן ביים האַנט: — ניין, קום! —
פירט מיך איבער קאָלטע פארקן,
איבער רעלסן פירט מיך אום,

וואו די נויט האָט רויט צעלייגט זיך
אונטער קאָלטן הימלס צעלט.
קערפער דארע, איינגעבויגן
און די פנימער פארגעלט.

שטעכן פיבערדיקע אויגן,
ווערט אַן עיגול אַרום מיר,
און איך קען שוין ניט געפינען
צו מיין אייגן הויז די טיר,

און איך הויב אָן צו פאַרגעסן,
וואו און וואָס איך בין געווען.
נאַכט אין מיר און נאַכט אַרום מיר,
און ס'איז גאָרניט מער צו זען.

2.

פלוצלונג נעמט מיין פירער וואַקסן
איבער זעקס פוס אינדערהויך.
פונדערווייטנס בייטשן פייפן,
באַמבעס קנאַלן. פייער. רויך.

און דאָס קינד (ניט צו דערקענען)
שרייט — זיין קול אַף גאַר דער וועלט —
„רייבט אויס אויגן! הויבט זיך אויף שוין!
ס'האָט פרימאָרגן זיך צעהעלט!"

וואו פרימאָרגן? ווען פרימאָרגן?
נאַכט — קיין שטערן ניט צו זען —
נאָר די הונגעריקע מחנות
האָבן ווי אַ ליכט דערזען.

לויפן אַלע קעגן פיילן,
לויף איך אויך מיט אַלע מיט.
בייטשן פייפן. באָמבעס קנאַלן.
נאָר דער טויט שרעקט קיינעם ניט.

3.

אַ בליץ האָט דעם הימל צעריסן.
ס'האָט די מחנה זיך אָפּגעשטעלט.
די געטער, די געטער ארונטער
פון הימל זיי קומען אַף ערד.

יהוה — זיין גרוי באָרד אין ציטער
שרייט: זינדיקע פאלט אַף די קני.
און יעזוסעס קולעכל ציטערט:
אַן רחמנות? אומזיסט אייער מי!

און בודא מיט אויגן פארמאכטע
שעפּטשעט: דורך בלוט איז ניט גוט.
קאָנפוציוס האָט זיך אין ערגעץ
גאָר קאָסאָאָקע פארקוקט.

קלענערע, גרעסערע געטער,
מלאכים — אזש ס'כאַפּט אָן אַ שרעק:
— העי, געטלאך, איר קוקט אוים גאנץ פעטלאך,
אַוועק גייט, ארונטער פון וועג!

מיר האָבן אליין אייך באַשאַפן,
מיר האָבן געשפּייזט אייך אַ צייט.
איצט וועלן מיר אייך צעשטערן!
געקומען איז איצט אייער צייט! —

עס כאַפּט אָן אַ ציטער די געטער,
און יעדער באַזונדער פארשווינדט.
עס לאָזט זיך די מחנה אין ווייטנס
אנטקעגן דער נאַכט און דעם ווינט.

4.

ניט פרימאָרגנען צעהעלט זיך אין מזרח,
נאָר פייער פלאַם אין נאַכט.
דאָרט שטייען די פולע אַמבאַרן
מיט אייזערנע טירן פארמאכט.

דאָרט זיינען פיל ליידיקע הייזער
און ברויט, און פלייש לרוב,
אז עס איז ניטאָ וואו צו לייגן
און וועמען צו פאַרלייגן: קויף!

איז לאָזט מען אין פייער פארברענען
דעם איבריקן קאָרן און ווייץ,
כאָטש אונדז האָט די נויט געפאַנגען
און הונגער האָט אונדז געקרייצט.

איז שיסט! נאָר איר וועט ניט דערשרעקן,
ווייל מיר גראָבן אייזן פון ערד,
מיר גיסן פון אייזן די קוילן
און שטאָלן דעם שאַרף פונם שווערד.

מיר זיינען געפאַנצערט דורך ליידן,
מיר זיינען פון הונגער געשטאָלט,
מיר ציילן איעדן קרבן
און גרייטן דעם טאָג פון געצאָלט.

5.

צעווישען דעם אויפרייס פון באָמבעס,
צעווישען דעם קוילן־געזשום
דערהערט זיך אַ זיסע סימפאָניע,
עס נעמען אונדז טענער ארום.

עס מאָלן זיך אונדז פאר די אויגן
זוניקע טעג און זעט.
מיר בלייבן דאָרט שטיין געליימטע
און קענען ניט גיין אונדזער וועג.

עס קלינגען געזאַנגען פון כאָרן,
מיר בענקען נאָך ליבע און רו.
נאָר ס׳עפענען באַלד זיך די אויגן
און מאָנען: אוואו איז דאָס? וואו?

און ס׳ענטפערן קינדער־געוויינען
און קללות פון מאַמעס מויל,
און שטאַרקער פון כישוף־כאָרן
איז אונדזער הונגער־גרויל.

שטאָלענער ווערט אונדזער ווילן
און זודיקער אונדזער כעס.
מיר לאָזן זיך ווייטער מאַרשירן
מיט אייגענע לידער פון האס.

6.

וואו איז דער שיין פון פרימאָרגן?
מיר טאַפּטשען אזוי לאַנג אין נאַכט.
ארום אונדז רינט בלוט. און אַנטקעגן
האָט שונא דעם וועג אונדז פארמאכט.

דעם וועג? וועלכער וועג? אז מיר זעען
שוין מער ניט דעם ברייטן געדריי.
די ערד איז אין גריבער צעגראָבן,
נאָר קייט און געוויין און געשריי.

שטעלט זיך אָפּ! — שרייען אייניקע מידע.
גייט רעכטס! — שרייען עלטערע לייט.
ניין לינקס! — ענטפערט כאָר פון די אינגסטע —
ווייל גלייך איז דער וועג נאָך צו ווייט! —

נאָר דאָ האָט דער שונא זיין פייער
פארשטאַרקט, און מיר האָבן דערזען,
מיר זיינען שוין הארט בא דער פעסטונג,
די פעסטונג צעלעכערט, צעברענט.

7.

הורא! — האָט זיך דאַן אויסגעריסן
פון אונדזער מיליאָניקער ברוסט.
מיר זיינען געוואָרן פאַראייניקט,
פאַרצענפאַכט צום קאַמף אונדזער לוסט.

הורא! — און דער לעצטער געראַנגל...
עס האָט דאַן געעקט שוין די נאַכט.
מיט ערשטן שיין פון פרימאָרגן
האָט וועלט צו אונדז געלאַכט.

און פריי זיינען וועגן געוואָרן,
פאַרשוואונדן איז הונגער און נויט,
און פרייד האָט אין הערצער געשלאָגן
מיט בלוטן ראַשיק און רויט.

מיר האָבן געקושט און געהאַלדזט זיך.
מיר האָבן געוויינט און געקוועלט.
דער חלום פון טויזנטער יאָרן
געוואָרן איז וואָר אויף דער וועלט.

די זון איז דאַן אויפגעגאַנגען
אַ דופטיק־רויטע קווייט
אַנטקעגן די פרייד־געזאַנגען
אויף גאָר דער וועלט צעשפּרייט.

דער אויסדערוויילטער

א.

עס האָבן זיך מיט איר צעטיילט דער טאָג מיט טונקלער נאַכט;
די באַקן, ווי דער הימל אין אַ ראָזעוון באַגינען;
אין אויגן ברוינע שאָטנדלאַך זיך האַלטן אין איין מינען;
אויף קאָפּ געקרויזטן שוואַרצער לאָק זיך ווייעט שטיל און לאַכט.

איר חן-גריבל ביים שמייכלען איז אַ סאַמעט נעץ פאַר יונג,
פאַר אַלט; און אין איר שוועבן ליגט אַ רייץ פון ווייטע רוימען.
איז וועמעס בלוט קען זעענדיק זי ניט אָנהויבן צו שוימען,
אַז יעדער בליק אירס איז דעם פלאַמענס גליענדיקער פונק?

עס קושט לבנה זי אין בעט; ביי טאָג — אַ זונענשטראַל.
די לופט אַרום ווערט פאַרפומירט פון אירס אַ צאַרט באַרירן.
אַ ניינצן פרילינגס שלאַנקן גוף מיט בלומען-קראַנץ באַצירן
און קרוינען זי די הערשערן פון אַלץ און איבעראַל.

ב.

נאָר ניט אַזוי דאָס שמייכעלע אין גריבעלע פון חן,
און ניט אַזוי דאָס יונג געזאַנג פון פיבערדיקע גלידער;
אַ וואָלקנדל אין אויגן רוט, אַ שווערער און אַ מידער
און אָפּט אין שעהן איינזאַמע גייט אויף אין איר געוויין.

ס'איז מיד דאָס האַרץ פון גבורה און פון אייגן כח מיד,
און אַלעמענס באַוואונדערונג עסט אויף פון האַרץ דאָס גלויבן.
עס ווילט זיך אַ געראַנגל, אַנשטאַט שעפּטש פון שטילן לויבן.
— אַליין זיין אונטערטעניק וויל איך! — שרייט איר יעדעס גליד.

זי לאָזט אַרויס אין וועלט אַ רוף אַריבער דאָרף און שטאָט:
„איך וועל געהערן יענעם, ווער ס'וועט גרעסטן קרבן ברייננגען.
נאָר ניט קיין גיטער פון דער ערד זאָל יענער צו מיר ברייננגען,
ווער ס'וויל אין מיינע אויגן נאָר געפינען זיך גענאָד.“

געטראָגן האָט געהיימען רוף די בלויע לופט־פאַרהילונג
אויף הורבעס שנייען ווייסע און אַריבער ברייטע שליאַכן,
צו די נאָענטסטע ישובים און ביז העט די ווייטסטע כרכים
האָט זיך אומעטום צעלאָזן אָט דער רוף פון יונגן פרילינג.

ג.

עס לויפן שטויבן גאָלדענע אַהינטער פיס און שטאָק
פון נזיר יונגן, וועלכער איילט אַלץ ווייטער פון די היילן.
זיין שלאַנקן שטאַרקן גוף טוט נאָר אַ הירשנפעל פאַרהוילן,
און לאָקן בלאָנדע כוואַליען זיך אין אויפגעוואַכטן טאָג.

פון קינדהייט אָן געהייליקט אים האָט אַ געהיימער קול,
אַ גאָט האָט זיך אַנטפּלעקט צו אים אין דערנער און אין גראָזן.
האָט ער נאָך יונגערהייט די וועלט די זינדיקע פאַרלאָזן
און אָפּגעגעבן זיך צו גאָט אין הייל פון טיפן טאָל.

נאָר אין די היילן האָט אָן עכאָ שטיפעריש געלאַכט,
האָט ער פאַרגעסן זיין געבעט און האָט צעמישט די תפלות.
עס האָט דער פרילינג רוף דערגרייכט די עכסטע בערג, וואו שטיל איז
געשטאַנען דער גראַניטן־שפּיץ און האָט די וועלט באַוואַכט.

די פלינקע עכאָ האָט אים באַלד געבראַכט דעם רוף אין הייל ;
האָט אויפגעברויזט זיין בלוט אין אים מיט קראַפט פון וואַסער־שטראָמען.
ער האָט געוואָלט גאָטס הילף רופן, נאָר ניט געדיינקט קיין נאָמען
פון גאָט האָט ער, און זיך געלאָזט מיט שנעלע טריט פון הייל.

ד.

עס נויגן שעמעוודיק זיך ראָזע קוסטן באַ דעם זייט פון שטעג.
עס שעפּטשען קיפּאַריסן שטיל צו שלאַנקע פּאַלמען־ביימער.
אַ מענטשן־מאָסע מאַכט אַ וואָרע פּאַרן נזיר־טרוימער,
וועלכער נענט איצט צו דער ענדע פון זיין וויטן וועג.

אַ שטול פון סאַמע העלפאַנטביין זיך הויכט אין מיטן סאָד.
עס זיצט דאָרט אַ פאַרחלומטע די קעניגן פון פרילינג.
צו איר גייט נזיר צו און פאַלט מיט הייליקע געפילן
צום פוס פון שטול הכנעהדיק, ווי פאַר אַ יונגן גאָט.

—איך האָב דיין רוף פאַרנומען וויט—האָט ער געשעפּטשעט שטיל—
געבראַכט האָט מיר אים עכאָ אויף די לאַכנדיקע פליגל.
האָב איך פון היילן זיך געלאָזט אַריבער באַרג און היגל
צו ברייגנען פאַר אַ קרבן דיר מיין הייליקסטן געפיל.

פון פאָטערס שטאַרקן בלוט געירשנט און פון מוטערס ברוסט,
געהאָדעוועט אין פעלדער־גרין, אין וועלדערדיקן שאָטן,
לייג איך מיין ריינעם גלויבן דאָ פאַר דיר ווי פאַר אַ גאָט און
בעט, דיך, שיינק מיר וועלט, וואָס איז פאַר מיר נאָך אומבאַוואוסט.

ה.

געמינעט האָבן שאָטנדלאָך אין אויגנס ברוינעם טיף;
אין חן־גריבל געטאַנצט האָבן אַ גאַנצע מחנה שטראַלן:
— אָ, טרוימער, ביסט אומזיסט אָט דאָ צו מיינע פיס געפאַלן! —
אויף נזירס קאָפּ פאַלט יעדעס וואָרט, ווי הייסער בלייענטריף.

ו.

דער מיטאג האָט געתאווהט אויף דיביימער צווייגן,
אויף יעדער גראָז און גרעזעלע, אויף יעדן קוסט און בלום.
אַ פייגל האָט געפישטשעט קוים... און פלוצלונג האָט אַרום
גענומען זיך צעטרייסלען דאָס בייטאָגיק שטילע שווייגן.

ס'איז באַלד פון וואָלקן־שטויב אַרויס אַ ווייסער פערד און רייטער,
וואָס האָבן שטח אויסגעזופט אַלץ נענטער דאָ צום פּאַרק.
אַ העלם אויפ'ן רייטערס קאָפּ, אַ פּיקע הינטער קאַרק.
אין אויגן שוואַרצע בליצנבליק געוואָגטער און פאַרשייטער.

געזען האָט בליק פון יונגנמאַן שוין פיל אין קורצן לעבן:
מיט טויט, מיט פיינט געראַנגלט זיך האָט ער שוין יאָרנלאַנג.
ס'איז מוטער זיינע טויט געווען אין יאָך פון שקלאַפנצוואַנג —
פאַר פרייהייט האָט ער קעמפן יונג אַ נדר זיך געגעבן.

געשלאָגן האָט ער פילע פיינט אין שטורעמדיקע שלאַכטן,
נאָר מיד געוואָרן איז ער אין דער מיט פון נאָענטן זיג.
און דאָ — דער רוף פון פרילינג! — זיך צעביינקט נאָך היים, נאָך וויג,
אין מיטן קאַמף, אין לעצטן קאַמף אויף שלאַכטפעלד אין פאַרנאַכטן.

פאַרלאָזן האָט ער הייסע שלאַכט און זיך געלאָזט אויף וועגן
פאַראיינזאַמטע און רואיקע מיט ציטערדיקן גוף.
עס האָט זיין פערד געפירט וואוהין געצויגן ס'האָט דער רוף
אויף זאַנגען פעלדער גרינינקע באַ שטילע וואַסער־ברעגן.

אַרונטער דאָס געווער, איז ער אַראָפּ פון הייסן פערד,
געקניט פאַר פרילינג קעניגן מיט מוט אין שאַרפן בליק.
—איך האָב דערהערט דיין רוף — זאָגט ער— אין סאַמע ברען פון זיג,
מיין מוטערס ווי, מיין פרייהייט קאַמף פון איצט צו דיר געהערט.

ז.

גענעלט האָבן שאָטנדלאַך אין אויגנס ברוינעם טיף.
אין חן־געריבל געטאַנצט האָבן אַ גאַנצע מחנה שטראַלן:
— אַ, קעמפּער, ביסט אומזיסט אַט דאָ פּאַר מיינע פים געפאַלן! —
אויף קעמפּערס קאָפּ פאַלט יעדעס וואָרט ווי הייסער בלייענטריף.

ח.

ערשט ווען אַ דימענט־שטערן האָט צעפינקלט זיך אין הויך,
דער אָנקומענדער נאַכטס אָן ערשטלינג אַ שטאָפּעט,
האָט זיך אַ כריפּלער קייטן־בריאַזג אַלץ נעענטער צערעדט
מיט טראָט־געטופּ, וואָס צאַנקט מיט קלאַנג פון גוססדיקן כח.

פאַרשטשעמעט האָבן דופּטן־ראָזעס לאַנג שוין ליפּ און מויל,
און שטויב האָט זיך געבאָדן אין פאַרנאַכטן קילע טויען,
האָט מען דערזען אַ שאָטן קומט, געקליידט אין שמאַטעס גרויע,
אויף הענט און פיס פאַרוויקלט אין אַ שווערן קייטן־קנויל.

אין טאָל פון שטאָט געבאָרן, ט׳ער קיין מאַמע ניט געוואוסט.
פון אַלע וועגן וועג פון זינד נאָר שפּרייט זיך אויס דאָרט קלאָר.
האָט ער אויף שטיגן זינד געשטיגן און צו זעכצן יאָר
האָט ער זיין נאָענטסטע דערמאָרדעט אין דעם אויפּבלי פון זיין לוסט.

עס האָט זיין יונגקייט, זיין בלויאויגיקע, געמצילט אים פון טויט.
האָט ער געפוילט אין אײַטער־קרעץ שוין יאָרן אין אַ תפיסה
ביז פרילינג רוף האָט גרויע ווענט פון טורמע דורכגעריסן,
האָט ער ביינאַכט פאַרלאָזן ווענט געשמידט אין שווערער קייט.

געפאַלן איז ער איצט אין פאַרק פאַר פרילינג טראָן און ניט
גערעדט קיין וואָרט, נאָר שטיל האָבן געשיפּעט זיינע וואונדן,
דער הימל האָט מיטחודישע לבנה אָנגעצונדן
און האָט באַלויכטן פרילינג געטין, וועלכע האָט געקניט

פאַר אײַטערדיקן פּאַק געשמידטן דאָ אין טוי אויף שטויב,
האָט זי אַליין זיך צוגעשמידט צום כריפּלען בריאַזג פון קייטן
און אין דעם ליכט פון שטילער נאַכט אַריבער וועג דעם ברייטן
דערהערט האָט זיך ווי צוויי פּאָר פיס דאָרט טאַנצן אויס אַ לויב.

אונדזער גאָם

מאַראַנצן, צימערינג און הערינג

עס פליסט זיך ווינט מיט ווינטעלע באַ דיינע ראַגן:
„לאָמיך דאָס קוישל איבערקערן!“—„ניין, איך וועל איבערקערן!“
און ברענגט אַנטקעגן מיר, דעם גאַסט, צוטראָגן
אַן אויסמיש פון מאַראַנצן, צימערינג און הערינג.

ווערט גוט דעם האַרץ פון אידיש־רייד און זידל,
איז עס מקנא אויערן — די ערשטע רייד צו הערן.
שפילט יעדעס פענצטער אויף פאַר מיר: ווער פיאַנע און ווער פידל
אין אויסמיש פון מאַראַנצן, צימערינג און הערינג.

— אָט דאָ בין איך — און — איך בין דאָ — צעמאָלט אַף אַלע דרכים.
עס גאַרן בשר־כשר־שילדן שלום־עליכם הערן.
באַיל הייטס אין וויטסטן מערב־לאַנד, אין שטאָט פון „די מלאָכים“—
אַן אויסמיש פון מאַראַנצן, צימערינג און הערינג.

גערטענער, פאַרפלאַנץ מיר מיינעביימער!

גערטענער, פאַרפלאַנץ מיר מיינע ביימער,
אַרום הויז די גראָזן מיר פאַרזיי!
מיך האָט מאַרק מיט האַנדל־פלוג צעאַקערט
און צעבראָנעוועט האָט מיך געניי.

פרעמדע אַם, פלעג אוים מיר מיינע קינדער,
פיר זיי אָפּן וועג, וואָס דיר געפעלט!
איך בין אַזוי לאַנג אַרומגעקראָכן,
אַז איך האָב פאַרלאָרן זיך אין וועלט.

פרעמדער, פרעמדער, קום, איך וועל דיך דינען,
לאָז מיך כאָטש אַרום דיר שטיין און גיין!
איך בין אַזוי אַלט און זאַט מיט יאָרן,
אַז איך וויים ניט ווער איך בין אַליין.

גערטענער, פאַרפלאַנץ מיר מיינע בלומען;
מיינע רויזן, מיינע ליליעס מיר פאַרזיי!
— — — — — — — — — — — — — — —
— ווער עס פלאַנצט די גראָזן און די בלומען,
יענער וועט געניסן אויך פון זיי!

אַ באַגעגעניש

איך האָב אים באַגעגנט. די גאָלדענע האָר
פאַרקאָמט און באַשמירט מיט אייל, מיט פּאַרפיום;
דער ווייסער כאַלאַט — ניט פון לייַן, נאָר פון זייד,
און אויגן, וואָס שמייכלען צופרידן און שטום.
האָב איך זיך געוואונדערט: — ווי קומסטו אַהער?
ווי האָסטו פאַרלאָזן דייַן טעמפּל פון רו?
און וואו איז דייַן בלוט-רויטע וואונד? ביסט דאָך קראַנק! —
און וואו איז דייַן הילצערנער צלם, אַוואו?
און ער האָט געענטפערט מיט שמייכל אויף ליפּן:
— ס'כאַלאַטל די זקנים אויף קיטלען צעשניטן,
די וואונד פאַר'ן נאַרישן מין-מענטש, וואָס האָט
אין פּחד זיך מקריב געווען פאַר אַ גאָט,
דעם הילצערנעם צלם זאָל טראָגן געזונט,
אויף וועמען דאָס לעבן פאַלט אָן ווי אַ הונט.
און איך בין אַ גומענער גולם, געשוואָלן פון לופט,
און ווייס ניט צו וועמען צו רופן און ווער צו מיר רופט.
נאָר יעדן פאַרנאַכט שפּאַן איך אום אויף דער אידישער גאַס.
ס'איז גוט דאָ! איך קום דאָ פונוויטנס צוגאַסט.
פאַרווילט זיך מיר — רוף איך אַרויס אַ פּאָר אינגלאַך פון ליידיקע קראָמען,
מיר רינגלען אַרום אַפּן ראָג מיסיאָנערן, וואָס היטן מייַן הייליקן נאָמען,
איך זאָג זיי: שוואַרציאָרן, ווער בעט אייך דען ריידן צו מיר וועגן מיר?
אָן איינפאַל אַביסל! און לאַך אָן אַ שיר.

ווער מיר זיינען

קירזשנער זיינען מיר און פוטערער און שניידער,
מיר אַרבעטן מיט נאָדל און מיט שער.
נאָר ווער עס זעט, דער ווייס — מיר זיינען שלייפער,
מיר שאַרפן שפּיזן, פייל און שווערד.

פאַרבער זיינען מיר און בויער און סטאָליאַרעס —
מיר אַרבעטן מיט באַרשטן און מיט זעג.
נאָר ווער עס זעט, דער ווייס מיר האַקן ביימער
דורך דזשאָנגל-וואַלד צום ברייטן וועג.

און שוסטער זיינען מיר און קלאַפּן הילכיק אונטער
מיט האַמערס אייזערנע אַף הילצערנעם קאַפּיל
און וועקן : — העי דו, שנעלער שפּאַן און מונטער.
עס טאָגט ! — ס'ווערט נעענטער צום ציל !

וואו ס'איז אונדזער וואוינונג

העי, צו אייער שוים אויף ליפּן — יונגע פּערדלאַך־פּענע —
און צו אייער קריץ מיט ציינער זיינען טויב מיר ווי די וואַנט.
אונדזער אויסגעלייטערט בלוט האָט לאַנג שוין אָנגעשריבן:
וואו ס'איז אונדזער וואוינונג, דאָרט איז אונדזער לאַנד.

וויי צו אייך, אין פּעטס און גאָלד פאַרשכורט,
רויטע אינדיאַנער בלוט נאָך פריש אַף אייער האַנט —
ברומט איר: „פרעמדער, גיי זיך דיר פון וואַנען ביסט געקומען!"
—וואו ס'איז אונדזער וואוינונג, דאָרט איז אונדזער לאַנד.

וויי צו די, וואָס רופן זייער נאָמען אָן אויף לענדער!
קומען וועט דער יום־הדין, וועט גרוים זיין זייער שאַנד! —
האָט מיט יאָרן טויזנטער אַ נביא אונדז געלערנט.—
וואו ס'איז אונדזער וואוינונג, דאָרט איז אונדזער לאַנד.

אייער פלאַמענדיקער קעסל וועט אין מיטן זידן פּלאַצן —
אונדזער פלאַם און פייער וועט דערשטיקן אייער בראַנד.
וועלן אַלע פרעמדע נאָכברומען מיט אונז אין כאָרן:
„וואו ס'איז אונדזער וואוינונג, דאָרט איז אונדזער לאַנד."

אין שאָטן פון פּאַלמען

דער שאָטן פון דיינע פּאַלמען איז אונדז פרעמד,
ווייל פּוסט איז אונדזער הויף, ניטאָ קיין סערפּ דאָרט, ניט קיין אַקער.
מיר זיינען יאָרנטוויזנטער געווען אויף שיף אָן יאַקער,
און מיטן נאָמען פויער האָבען מיר זיך גאָר געשעמט.

מיר זעען, שמעקן דיינע בלומען, הערן פייגלשן געזאַנג,
וואַנדערן אום אין דיינע וועלדער צווישן בוימער;
נאָר מיר דאַרפן שטענדיק מיטנעמען אַ שומר:
„זאָג אונדז, שומר, וואָס איז דער בוים, וואָס איז יענער זאַנג?“

אָבער אויפן וועג פון אונדזער שרעק און ציטער
האָבן מיר געלערנט אויגן-שפּראַכן אַלערליי.
מיר האָבן מענטשלאַכע נשמה טיף דערזען אין זיי
און זינגען וועגן איר אין פאַרבנרייכע לידער.

בדמייך חיי

העי, איר מיט הערצער קענט פאַרשטיין
און, איר מיט אויערן, הערט:
ס'איז אונדזער בלוט אויף יעדן שטיין,
אין יעדן ווינקל־ערד.

עס קאָכט און רוישט אויף שטיינער בלוט,
ווי זכריה'ס אין מקדש־צעלט
און פאָדערט בלוט פאַר אונדזער בלוט
פון גאָר דער וועלט.

אין בלוט וועט אויפרייסן די וועלט
איר איצטיקן געוועב.
צעבלוטיקטע, צו נייער וועלט
מיר וועלן זינגען: לעב!

שטאָט און שטעטעלע

האָט זיך קליינע שטעטעלע געווייקט אין טיפער בלאָטע,
איז די גרויסע שטאָט געפלאַסטערט מיט אַספאַלט.
ים אוןליידן שטורעמס האָבן מיך געקנאָטן
און געביטן קוים־קוים מיין געשטאַלט.

די פאַבריק סירענעס האָבן מיך געפאַנגען
און געצוימט מיין וואַנדער־אומרו טאָג נאָך טאָג,
בין איך אָפּן ברייט פון לאַנד אַוועקגעגאַנגען
און צעשפרייט אין פריירים מאָס און וואָג.

כ׳האָב אין וועג געלאָזט מיין אַטלעסנע קאַפּאָטע;
יום־טוב־שבת־טעג געוואָרן זיינען אַלט.
האָט זיך קליינע שטעטעלע געווייקט אין טיפער בלאָטע,
איז די גרויסע שטאָט געפלאַסטערט מיט אַספאַלט.

לכה דודי

לכה־דודי־ברום פון צוגעמאַכטע יאַטקעס און פון קראָמען
ווערט פאַרשלונגען פון אַ לויפיקן טראַמוויי.
אַ פּאָר זיידעס־באָבעס שבת־אויסגעפּוצטע
שאַטענען זיך שטיל פאַרביי.

אַלע הייזער אויפגערױמט און טישן צוגעגרייטע.
אין אַ פענצטער ערגעץ ציטערט נאָך אַ שבת־ליכטל פרעמד
און אַ חזן האָט אין מיטן זמירות אָפּגעהאַקט —
ער האָט זיך פאַר דער ראַדיאָ פאַרשעמט.

איינזאַם שפּאַנט אַן עלנטער אַרום דאָ.
ווייב און קינדער ליגן אים נאָך ערגעץ אין דער ווייטער היים —
טאַפּט ער זייער בילד אין בוזים־קעשענע,
ווינקענדיק צו גאַסן־מויד פאַרלאָרן און געהיים.

„שאַלאָם“

שווארצע פראַקן און געפּרעסטע העמדער
האָבן מיט די באַנק־ביכלאַך פאַרביטן רויטע העמד.
גלאַנצן אין די שניפּסן מגן־דוד־שפּילקעס,
„ציון“ בלאַנקט אַף רינגלאַך קאַלט און פרעמד.

אַשוריש־אותיותדיקע ביכער ליגן אין גאַראַזשן,
חברן זיך שטילערהייט מיט טאַראַקאַנעס, מייז.
נאָר פון תלמוד תורה אַ „שאַלאָם“ ברייננגט מיט זיך
ס׳קלענסטע מיידעלע, געקליידט אין בלוי און ווייס.

„עלינאָווי“

אפֿן קאָפּ אָן אויסגעגלאַנצטע לאַטקע, צי אַ פּליך גאָר פּשוט,
מיט געגאָלטע וואָנצעס, אָן דער לאַנגער גרויער באָרד.
דאָ פאַרקויפּט זיך עלינאָווי שוין ניט מער פאַר יעדן חסיד,
נאָר אָן אויסגעפּוצטער זיצט ער דאָ אין ווארימן קאַנטאָר.

אַרום אים, יונג־צוגעפאַרבט, זיצט שרהלע בת טובים,
נאָר ניט זי, ניט עלינאָווי גייען אום אין וועלט.
דורכן שליסל־לאָך מיט ציטער קוקן בגנבה
די הינטער טיר פאַרשטויסענע, וואָס בעטלען צדקה־געלט.

ניין, עס וועבן ניט קיין מעשׂות זיך אין אונדזער גאָס אין היגער!
קללות נאָר פאַרמערן זיך, און טרערן פליסן שטיל...
נאָר אָן אַנדער וועג פאַר זיך זעט, ווער ס'איז קליגער,
לאָזט ער זיך אַף דערנער־וועג, דעם נעענטסטן צום ציל.

אַרום טישלאָך — גרין

אוי, ניט פרעה פון מצרים האָט נאָר קינדערלאָך געשאָכטן,
און ניט פרעה פון מצרים נאָר מאַכט וואָנעס זיך פון בלוט,
יעדער זאַטער ווערט נאָך זאַטער מיטן צווייטנס הונגער
און אין פרעמדן אומגליק איז זיך באָדן גוט.

ווערן הייזער יומטובדיק און פעטע דאַמען שפּילן
אַרום גרין־געדעקטע טישלאָך קאָרטן — פּאָקער, ברידזש.
— מיר זיינען די גבאיטעס פון קראַנקע, פון יתומים —
שפּייט פון הויז אין גאַס אַרויס געלאַך, געלעכטער, קוויטש.

טיף אין שטעט צעריבן ווערן הייסע יונגע הערצער,
ווייט אין שטעט צעמאָלן ווערן לעבנס ביים מאַשין;
ברייגגט מען זיי אין שיינעם הויז, וואו פעטע דאַמען קוויטשען
צום דעזערט נאָך רייכן מאָלצייט אַרום טישלאָך־גרין.

קאַראַהאָד

א.

קאַראַהאָד, קאַראַהאָד, דרייען זיך די רעדער.
ווער פאָרט? ווער פאָרט? — יאַנקל דער בעדער.
גאָלד און זילבער אָנגעטאָן,
אין אַ רייכן פּאַעטאָן,
אויבנאָן, אויבנאָן.

קאַראַהאָד, קאַראַהאָד, דרייען זיך די רעדער.
מאַכט אַ ווארע! דזשייקאָב סמיט? — ניין, אונדזער יאַנקל בעדער!
פון דעם אַלטוואַרג־הויף־געשטאַנק
ווערט אַ פּרעזידענט פון באַנק.
גאָט אַ דאַנק, גאָט אַ דאַנק.

קאַראַהאָד, קאַראַהאָד, דרייען זיך די רעדער.
נייגן ברידער מידע קעפּ פאַר דזשייקאָב, יאַנקל־בעדער.
ציטערט סודותדיק אַ וואָרט:
— ... אַז אַ מענטש וואַקסט אויס, איז פאָרט...
קוקט נאָר דאָרט, קוקט נאָר דאָרט! —

קאַראַהאָד, קאַראַהאָד, דרייען זיך די רעדער.
ווייזן מאַמעס קינדער אָן: — אָט איז יאַנקל בעדער.
חוץ זיין שאָד געזאָגט אַף מיר,
זאָלסט מיר זיין אַזאַ מין גביר,
אַ פאַקיר, אַ באַנקיר.

ב.

קוקן יונגע, אַלטע לייט —
משה רבינו אין דער רעכטער זייט
מיט געגאָלטע פּאות־באָרד
טראָגט ער פרעמדע לוחות דאָרט.
ווער מיט שמייכל, ווער מיט לאַך
גייט אים נאָך אַ גאַנצע וואָך.
דוד המלך זמירות זינגט,
מרים הנביאה'ס טענצל קלינגט,
שלמה המלך חכמות זאָגט,
אַהרן הכהן קטורת טראָגט
און יעהויווע גייט פאַראויס
ביז ר' יאַנקלס טעמפּל־קלויז.

הערן יונגע, אַלטע לייט,
ווי ר' יאַנקל קייט און שפּייט
עפּעס אין אַ פרעמדער שפּראַך,
אַזש פאַרבלאָטיקט ווערט דער שליאַך,
שילט די חברה וואָס באַלייט אים,
רופט זיי שלעפּער, טפּשים, שוטים —
טראַכט מען מיט אַן אוי, אוי, אוי...
— מן הסתם דאַרף זיין אַזוי —
וואַרפט מען זיך אַריין אין קאָן
נאָך ר' יעקב'ס פּאַעטאָן.

דער גואל

זיינע בלויע אויגן אַזש פון ווייט אוקריינע,
האָבן זיך געחברט שוין מיט נעגרען, מיט כינעזער,
בויענדיק געביידעס און אין „אַרמאָרס" באַינעס
און אין ווילדע פּריירים, רייסנדיק די גרעזער.

נייע „אָוועראָלס" פאַר יום־טוב — יומטובדיקסטע קליידער,
און אין האַרצן גליט אַ̈ן אומרו און אַ פריידּ.
ליגט אַף „מיין־סטריט" שמאַטעס־באַרג אין קראָם נאָך קראָם כסדר —
איז עס שאַנד אין יעדער שפּראַך און שפּאַט אין יעדנס רייד.

אַט איז ער מיט שטאַרקע הענט פון ווייט, אַזש פון אוקריינע,
און ער ליגט ניט אַף קיין שמאַטעס, נאָר אַף רידל און אַף לאַם.
פרייען בלויע אויגן זיך און פלאַמען העלע שיינען —
אויסלייזן וועט ער די וועלט פון יעדער שמאַטע־קראָם.

מיר דיין פֿולק — אָ וועלט!

קלאַפּט זיך וועלט מיט האַמערס,
וואַרפֿט מיט פֿייער־קוילן;
בלוטיקע געשלעגן
אין אינדיען, אין פּוילן.

גיסט זיך בלוט דורך רערן,
רינט ביים סאַמע האַרצן:
צי ביים ים, באַם רויטן,
צי ביים ים, באַם שוואַרצן —

וויינט די וועלט אין ליידן,
קוועלט מיט פֿרייד געלאַדן —
קלאַפּט אָן יעדע בשורה
גלייך אין אונדזער לאָדן.

ציטערט אונדזער גאַס אויף,
שרייט זי, יובלט, שעלט.
מיר, וועלט, דיין געוויסן;
מיר דיין פֿולק, אָ, וועלט!

בײַם פּלאַפּל פֿון באַרג־טײַכל

פולי... שו... •

פולי... שו... און פולי... שו...
און פולי... שו... שוין ווידער.
שטילער שוועב און ראַשער רויש
פון שטאָלצן שפּיץ אין נידער.

קוש... און שאַ... און קוש... און שטיל
מיט שאַרפע שטיינער שניטן.
שווימען עכאָס אָן א שיר
אין אונדזער בלויען מיטן.

שאָטנט צווייג־צעלט איבער אונדז
און צירט אונדז שטיל מיט בליטן.
שווימען עכאָס אָן א ציל
אין אונדזער בלויען מיטן.

עכאָ-איינס

שטילער שלוכצען און געוויין,
ווי אַ מחנה קעץ אין נאַכט,
ווי אַ קינד אַ קליינס אַליין
אין אַ ווילדן וואַלד פאַרנאַרט.
מ — אַ — מ — ע —
ציטערט ווייט דער קול
העלף מיר, העלף מיר, גאָט, מיין גאָט!...
ענטפערט נאָר אַ ווידערקול —
אייזן, שטיין און שטאָל פון שטאָט.

2

ליגן איינגעקנוילט די וועגן.—
וועמען זאָל מען רופן, פרעגן:
— וואו בין איך? אַוואו, אַוואו?
איך בין דו און דו ביסט דו,
און דו ביסט איך, און איך בין איך.—
ווי אַ נעפל פלאַנטער קריכט,
לעשט אוים יעדן שטראַל פון ליכט.
— ציל?
— שטיל!
ניט פרעג
קיין וועג!
פאַרוואַרף די שיך
און גיכער קריך!
שטופט אַ צווייטער דיך פון הינטן,
הויבן דיך און וואַרפן ווינטן.
— יאָ צי ניין? האַ? יאָ צי ניין? —
און שלוכצע שטיל און שטילער וויין
אַליין.

עכאָ צוויי

.1

סוד, דו סוד, אין מיר פאַרהילט —
קום, אַנטפּלעק זיך.
עפּעס שטילט, עפּעס קילט
און דערשרעקט זיך.

שטילע רייד, שטיל אַזוי
שרייט אין פּיין אוים: אוי, אוי, אוי...
ווער רעדט?
אַ בעט!
לייבער צוויי, וויים ווי שניי,
פרעמד צוזרשט, געוואָרן איינס.
ניט פאַרהוילן, ניט צעטיילן
די צוויי העלפטן פונם איינס.
העלפט דעם העלפט און העלפט דעם צווייטן,
בלאָנדזשען בלינד אויף וועג דעם ברייטן,
ביידע העלפטן אין די קייטן.
העלף!... העלף!...
ס'וואָיען וועלף.
וויינען אומבאַהאָלפן קליינע קינדער
ניט אין פרייד געבאָרן.
קנייטשן טאַטע-מאַמע זיך אין צאָרן —
מאָנען פרייד און פרייהייט אָפּגעלעבטע יאָרן.

.2

אַלט? ס'איז דאָ נאָך פּוידער, רויטע שמינקע,
ס'האָט די מאַסאַזשיסטן אַ מאַשינקע,
ס'קענען נאָך די אויגן גלאַנצן,
ס'דינען נאָך די פּיס צום טאַנצן,
און דיעטע — פֿאַר דער טאַליע.
קום און נעם מיך יוגנט-כוואַליע!

3

שפּעטער וועלן טרערן פֿאַרבן אויגן רויט,
שפּעטער וועלן אויערן פֿאַרנעמען טריט פֿון טויט;
שאָטנס וועלן שפּרייטן זיך אויף מיילן ברייט און לאַנג.
דו, מיט זינד אויף שאָטנוועג, אַ קריכנדיקע שלאַנג.

עכאָ דריי

.1

קינדער שטיפן, קינדער לאַכן,
קינדער שפּילאַכלאַך זיך מאַכן;
קינדער, קינדער — מלא חן,
ווער פאַרנעמט אייער געוויין?
ס'האָט אים מיר געבראַכט דער רעגן —
יונגע פיס אויף אַלטע וועגן.
— אַז מיר ווילן קיינעם פרעגן.
ווער האָט עס פאַר אונדז באַשטעלט?
א וועלט!
ניין, מיר ווילן גאַרניט וויסן,
מירן אַלץ אַליין געניסן,
ניט געפירטע פון אַ האַנט
דורך דעם טאַטע-מאַמע-לאַנד.
לאָזט אונדז אונדזער חלום שפּינען,
מירן אַלץ אַליין געפינען.
אַלץ פאַר אונדז איז אַנדערש ניי,
טאַטע-מאַמע, לאָזט אונז פריי!

2

יאָ, כל זמן ס'וועט וועלט געווערן,
וועלן מיר אַ קריג דערקלערן
טאַטנס חכמה, מאַמעס וויסן.
ווער וויל וויסן די געריסן
פון אַן אַלטער טויטער וועלט?
גייט, די זון אונדז ניט פאַרשטעלט!
זעט, זי האָט זיך אויסגעוואַשן
אויפדאָסניי פאַר אונדז צו נאַשן
זינד, חרטה, שטראָף,
גליק און פּיין, און סוף.

עכאָ פיר

שפּעטע שעה ברענט אויס דער ווייזער,
טיפע נאַכט קלינגט אויס דער גלאָק.
וואויל צו די, וואָס האָבן הייזער—
וואַכן ניט די נעכט ביים ראָג.

וואויל צו די, וואָס רואיק שלאָפן,
טרוימען, בייַנקען שטיל נאָך זינד.
איך בין אויך צו זיי געלאָפן
און געבליבן אויפן ווינט.

כ'האָב פון כעס מיין קלייד צעריסן,
אויסגעשטעלט דער וועלט מיין לייב
און מיין אייגן פלייש צעביסן.
האָט די וועלט מיך אויך צעקנייפּט.

וואַנדערן אום איצט מיינע וואונדן,
סיי אין הייל, סיי אין פּאַלאַץ.
וואַנדערט, מיינע וואַגאַבונדן,
לאָזט ניט אום קיין איינציק פּלאַץ
ביז מיר וועלן רו צעשטערן,
יעדן ליכט-פּאָס מאַכן בלינד!
וועלן מיר שוין מער ניט הערן:
— היט זיך, היט זיך פאַר דער זינד.

עכאָ פינף

וואו־הו, וואו־הו, וואו־הו — ווינט,
האָט מען עקן דיר פאַרשפינט
און צעשטעלט דאָרט פרענט פרענט נאָך פרענט,
און פאַרמויערט דיך מיט ווענט.
ווינט, ווינט, ווינט,
האָסט געבוירן זינד,
ווי קען ווינט אין מויערן
דויערן און לויערן,
ווינט פון פרייהייט־טראַכט געבוירן ?

האָט ער אַלע ווענט צעשטערט
און געלאָזט זיך איבער ערד
און אין גרימצאָרן געשוואוירן
האָט דער ווינט, דער ווינט, דער כעסן,
יעדן אייזן־פרענט פאַרשמייסן,
יעדן דין געוועב צערייסן
און די מויער־ווענט צעבייסן.

הו־הו־הו
וואו־וואו־וואו
וואו איז נאָך אַ וואַנט געבליבן ?
וועלכער מויער ניט צעריבן ?
וואו ? וואו ? וואו ?
ליגט נאָך שטיל די רו ?
איך וועל זי פון דאָרט פאַרטרייבן,
ערגעץ טאָר ניט רו פאַרבלייבן,
נאָר מיט מיר, אויף פליגלען ווינט
אויסלייזן די וועלט פון זינד.

עכאָ זעקס

1

כאַ־כאַ־כאַ — אַ געלעכטער!
שטייט אַ וועכטער,
אַ ברוגזער, אַ שלעכטער,
ווי אַ קוימען אויף אַ טורעם,
ווי אַ קוימען פון פאַבריק.
קנוילט אַ רינג זיך פון יסורים,
לעשט זיך ס׳אויסגעבערענטע גליק
פון די שוואַרצע קעלער־לעכער
איבער הויכע מויער־דעכער.
דרייען רעדער, קריצן ציין,
גייט די שטאָט אוים אין געוויין:
— אַלץ פאַרזעצט שוין אין לאָמבאַרד
און געבליבן אָפּגענאַרט.
איצט כאָטש צינד אָן ס׳אייגן הויז
און אין פייער־פלאַם גיי אויס! —
סוד, סוד, סוד.
ווער צינדט אָן די שטאָט?
אינדערמיט פון שטערן־דרימל
פלאַקערט אויף דער נאַכטנהימל.
בום־בום־בום
קלינגט אַ גלאָק־געברום,
נעמט די גאַנצע וועלט צעוועקן.
שפּרייט זיך פלאַם פון אַלע עקן.
וואַסער אויף אַ פלאַם? — ניט גוט!
גיסט זיך, גיסט זיך יונגע בלוט.
קייכט געלעכטער
אויס דער וועכטער.

2

ראַזעוועט זיך אוים פאַרטאָג
און שטילט איין געלאַך און קלאָג.
נעלם ווערט דער פייער־פלאַם,
גיסט זיך ליכטיקייט אַ ים.
קומט אָן זונען־שטראַלן־פעכער
און צעגיסט זיך איבער דעכער,
איבער קוימענס, העכער, העכער.
כאַפּט זיך אויף אַ קינד פון וויג
און צעשמייכלט זיך מיט גליק.

פולי... שו... און פולי... שו...
גענוג אייך, עכאַם, ברומען.
כ'הער שוין נייעם שאַרפן רויש,
ווידער מחנות קומען.

קוש... און שאַ און קוש... און שטיל.
איך קען מער ניט פאַרנעמען.
ס'קושט מיך שפּעטע נאַכט און גלעט
מיר מיינע מידע ברעמען.

וועל איך איצט אַ גוטע נאַכט
אייך, ליבע עכאַם, זאָגן,
לאָזן אייך זיך אויסטענהן
פאַר שלאָפיקע פאַרטאָגן.

אונדזערע טעג

דער סעסמאָגראַף

דיין אונטערערדישע קאָנוואולסיע קריצט זיך איין
אין מיר, דיין סעסמאָגראַף, אָ, וועלט!
צעציטערן זיך מיינע רערן אין דער טיף
און צייכענען מיט בלוט אַ נייעם מין באַשאַף,
וואָס בייט זיין אויסזעען מיט יעדן בלוטנטריף.

איך קען עס ניט,
איך האָב נאָך ניט פאַר דעם קיין קלאַנג, קיין נאָמען.
נאָר כ׳זע און פיל, אַז שוואַנגער ביסטו, וועלט,
אַז אויפגעגאַנגען איז אין דיר געהיים אַ זאָמען
און האָט זיך אין דיין טראַכט צעצעלט.

עס לעבערן מיין אויער קינפטיקע געבורטס-געשרייען.
איך טרינק זיך אין אַן אָקעאַן פון יושנדיקן בלוט.
איך בין דיין סעסמאָגראַף. איך רעגיסטריר די שעה פון ווייען,
ווען קומען, וועלט, וועט דער, וואָס אין דיין טראַכט נאָך רוט.

פון אונדזער בויען איז אַוועק די פרייד

פון אונדזער בויען איז אַוועק די פרייד,
אַז איין האַנט טוט די אַרבעט און אין צווייטער— שווערד.
עס טרייבט אונדז אַן עקשנותדיק: ווערט פאַרטיק און זייט גרייט!
עס קומט אַן אומגעזעענער פיינט פון אַלע עקן ערד.

מיר בויען איצט אַ מגדל און מיר לייגן טרעפּ נאָך טרעפּ,
אין ווייטסטע בלויע ספערן גרייכט ער, ביזן הימל איז זיין קאָפּ,
און איבער אים דורך אונדזער פּיין, דורך אונדזער צערס דין געוועב
אַרונטער קומט דער אויסלייזער און ברייגנגט ישועה אונדז אַראָפּ.

איז אַזוי וואויל צו דעם, ווער ס'האָט אַ קול פאַרנומען פון דער ווייט
און איילט זיך צו און שטעלט זיך בײַ דעם מגדלס הויכער וואַנט!
ער וועט דערלעבן זוכה זיין דעם לעצטן קאַמף און שטרייט
פאַר בּרייטן וועג פון אויסלייזער צום אויסדערוויילטן לאַנד.

צו די זייער פון ליגן

העי, איר זייער פונם ליגן,
פרייט זיך נאָך ניט מיטן זיג.
טיפער מעג דער זאָמען ליגן,
וועט ער אויפבליען צוריק
און אין ברייטן פעלד צעוויגן
און צעפויקן מיט זיין בליק
אייער לאַנג־פאַרזייטן ליגן,
און צעפרעסן אייער גליק.

וועט דאָס פעלד אין ווינט זיך וויגן,
וויגן, וויגן, וויג און וויג.
זייער פון פאַרזייטן ליגן,
קומט צו אונדז, צו אונדז צוריק.
מיר'ן זינגען אייך אַ ניגון
און פאַרבינדן אייך מיט שטריק
און אין אנמאַכט לאָזן ליגן,
רויב פאַר חיה, פויגל, פליג.

וועלן קערפער ווערן שטיגן,
ביינער וועלן ווערן בריק
פאַר די טריט פון נייע זיגער
מונטער־שטראַליקע מיט גליק,
פאַרמענדיק אין טיפע טיגן
שטראַלן בונטע שטיק נאָך שטיק,
וועלטן נייע צו באַזיגן,
שלעסער, יאָכן, קייטן, שטריק.

אַן אויסוועג

מיט וואָס קענען מיר אויסקויפן די זינד
פון דורות בלוטן,
וועלכע שרייען פון דער ערד?
אויסגעברענט איז קין צייכן,
טראָגט אים גרייז און קינד.
און למך? למך — ווי איז אונדז —
איז למכדיק און בלינד.
און איבער קעפּ פון אונדזער דור
שוועבט אום דאמאקלס-שווערד.

און וואו איז איצט דער ברייטער וועג
צו אונדזער הייליק הויז?
געגאַנגען זיינען מיר, געזוכט
און גאָרנישט ניט געזען.
אַזויפיל וועגן-שטעגלאַך
זיך דרייען איין און אויס.
פאַרלאָרן האָבן מיר דעם וועג,
מיר וויסן גאָרניט ווען,
און וועגווייזער אין טויזנטער
אויף יעדן איינעם צען.

און שטום איז אונדזער צונג אַזוי,
עס ציטערט ניט די ליפּ.
פאַרגעסן האָבן מיר דאָס וואָרט —
דעם ציטער פונם האַרץ,
אַז אַלץ, וואָס איז געווען צערינט
דורך לעכערדיקער זיפּ,
און פּוסט שטייט אונדזער פעלד אַזוי
אַ הוילם און אַ פאַרדאַרטס,
נאָר וואָלקנס דיקע פאַרבן עס
אין חושכדיקן שוואַרץ.

***

געוויינען פאַרשטיקטע
דורך נאַכט און דורך טאָג;
פון צער פון גרויען,
פון אוראַלטן קלאָג.

פון גריבער פון טיפע,
פון רידל, פון האַק;
פון רויש פון מאַשינעס,
פון אַקער, וואַרשטאַט.

געוויינען, וואָס זייען
אַריבער דער וועלט,
אַ זאָמען פון אומרו
איןליידן צעהעלט.

וועט אויפגיין אַ פלאַנצן
גאַל-ביטער פאַרסמט,
וועט ווערן דער פנים
פון לענדער צעפלאַמט.

וועט ווערן צעשמאָלצן
דער צער, דער קלאָג,
וועט אויפגיין אַ העלער
אַ זוניקער טאָג.

אויף די גאַסן־ראָגן

אויף די גאַסן־ראָגן
פונם טאָל
ווינטן יאָגן,
ווינטן קלאָגן.
אויף וועגן
ברייט און שמאָל
גייט די נויט.

שלייכט זיך ווער
דורך טויער
אין דער נאַכט
דער גרויער
איז זיין פּנים רויט.

אויפן באַרג —
גערודער:
גייט דער טויט.
ציטערן די דאַמען,
שרעקן זיך די הערן.

ווינט וועט צום צעשטערן
צווישן באַרג און טאָל.
פון די טיפע תהומות
קומט ער גיכער זיכער.
שלייכט ער זיך דורך טויער
אין דער נאַכט, דער גרויער,
איז זיין פּנים רויט.

איילי־ליו

פון אונטער וויגעלע,
מיין קינד,
אַנטלאָפן איז דאָס ציגעלע
אַצינד.

דיין מאַמע איז געפאָרן
אין פאַבריק.
דיין טאַטע זוכט שוין יאָרן
אום זיין גליק.

און דו אין קינדער־הויז
אַף פרעמדע הענט
בליסט, ווי אַ ווילדע רויז
בא שטיינער ווענט

און וואַרטסט אַף פינפאַזייגעריקן
פייף פון רו,
ווען טאַטע־מאַמע טרויעריקע דריקן
מיד דיך צו.

רויב־קאַפּיטאַנען

מיר האָבן שוין פון לאַנג צעשטערט די שקלאַפן שיפן
און לעגענדעס נאָר געבליבן זיינען רויבער־קאַפּיטאַנען —
איז האָבן מיר געדאַרפט נאָך שקלאַפן, האָבן מיר גערופן
אין דער וועלט מיט דעם געשריי פון אונדזערע וויטרינעס
האָט די וועלט פאַרשטאַנען.

זיינען באַלד געקומען איטאַליענער אַרבעטן אַף וועגן,
זיינען באַלד געקומען סלאַוון שלאַכטהייזער פאַרנעמען;
אונדזער ערד צעגראָבן האָבן דייטשן און נאָרוועגן,
אונדזער הויז אַרבעט — כינעזער, יאַפּאַנעזער, נעגרן
קערן, וואַשן, קעמען.

אונדזערע מאַראַנצן פלאַנצן ברוינע מעקסיקאַנער,
אונדזערע קליידער גרייטן צו פאַר אונדז די אידן;
קוילן גראָבן פוילן און פיל אַנדערע. נאָר מיר, אַמעריקאַנער,
זיצן אין קאַנטאָרן, האַלטן לאַנגע בייטשן,
זיינען מיר צופרידן.

ס'איז גוט מיט פרעמדן בלוט. און הויבן זיך אָן בונטן —
אַביסל בליי — מען דינט געטריי. אַ ברירה האָבן שקלאַפן?
עס וואַרטן צען אַף יעדן שקלאַף, וואָס גוססט אין די וואונדן,
און קלאַפן אין די שפּאַלטן פון די טויערן און בעטן:
לאָזט זיך רייכקייט שאַפן.

נאָר אומרואיקע צייטן קומען רואיקע פאַרבייטן,
איז דאַרף מען שקלאַפן איינגער נאָך אין אייזן־קייטן שמידן.
מיר וועלן קין־צייכנס אויסברענען אַף זיי פון אַלע זייטן,
מיר זאָלן זיי פאַר מיילן־ווייט דערשמעקן און דערקענען
און פון זייער צאָרן זיך פאַרהיטן.

דער וואַכער

געצויגן האָט שטריקלאַך דער היטער,
האָט שטאָט־גלאָק צעקלונגען זיך... צוועלף!
די עכאָס פון קלאַנגען אין ציטער,
ווי שעפּלאַך פאַר סטייעס פון וועלף.

אין נאַכט שטומען רידל־מאַשינען,
אין נאַכט שלאָפן קנעכט פון דער שטאָט.
נאָר איינער, דער וואַכער, געפינען
וויל וועגן צום ליכטיקן סוד.

„עס רוט דאָך אַוואו אַ באַגינען
פאַר שלאָפיקע שקלאַפן פון שטאָט!...“
זוכט וואַכער אַ וועג צו געפינען
צום אויסגעטרוימט ליכטיקן סוד.

פון חצותיקן חושך פון שוואַרצן,
פון פינצטערן קאָפּ פון פאַבריק
אַ האַנט שטעכט אַ שפּיז אינם האַרצן
פון וואַכער אין שעה פון זיין גליק.

פאַלט וואַכיקער טרוימער אין פעסטונג
בײַ שטיינערנער וואַנט פון דער שטאָט...
אין טויט פירט ער טויזנטער שקלאַפן
צום אויסגעטרוימט ליכטיקן סוד.

פאַר יעדן ביסן ברויט

פאַר יעדן ביסן ברויט,
פאַר יעדן זיפּן טרונק,
פאַר שוך פאַר קלייד
קומט אָן דער טאָג פון רעכענונג.
איך הער — ער גייט,
זייט גרייט!

אין יעדן ביטער קרעכץ,
אין יעדן ציטער טרער,
אין יעדן בראָך און וויי
אַ רוף זיך הערט צו רו,
צו זעט אַ גרויס געשריי:
פאַרגיי!

פאַר יעדן הויכן לאַך
שטייט שווערד שוין אַף דער וואַך,
פאַר יעדער לידער־קלאַנג
שטייט אָנגעגרייט
אין נאָנטסטן שראַנק
אַ גיפט־געטראַנק.

צו אַ שיף

— עי, שיף געפּאַנצערטע אין מיטן ים
אַף זילבער־בלויע וועגן,
וואָס בריינגסטו מיט זיך פון דער וועלט
צו אונדזערע פּעטע ברעגן?

— געלאָדן האָט מיך שוויים און וויי.
איך פיר פון אייערטוועגן
אַ קלאָג, וואָס שפּרייט זיך אין דער וועלט
ביז אייערע פּעטע ברעגן.

— עי, שיף געפּאַנצערטע אין מיטן ים,
ניט ריר אָן אונדזערע ברעגן!
מיר גיבן דיר אַ פולע העלפט
פון אונדזער גרוים פאַרמעגן!

— באַהאַלט פאַר זיך, וואָס איר פאַרמאָגט!
איך וועל זיך גלייך באַוועגן.
עס פירט מיך אַ געהיימע האַנט
צו אייערע פּעטע ברעגן.

עי, שיף געפּאַנצערטע אין מיטן ים,
אויב ניט פון אונדזערטוועגן —
מייד אוים צוליב די קינדערלאַך
אונדזערע פּעטע ברעגן.

— נאָר איר וועט אומקומען אין שרעק
אַף אייערע פּעטע ברעגן.
דער יונגער דור מיין אָנקום פילט
און יובלט מיר אַנטקעגן.

שטילער ווינקל

מיינע טריט

מיינע טריט ערשט געווען אפן זאמד,
האָט א כוואַליע פון ים זיי פאַרקאַמט.

זוך איך אום מיינע טריט אַפן ברעג,
בלענדט די שיין פון דער זון מיר דעם וועג.

וואָס-זשע זוך איך, וואָס דאַרף איך די טריט?
כ'קען נאָך גיין. ברייט דער וועג. כ'בין ניט מיד.

*

* *

איך צייל די וואָכן, צייל די טעג.
איך מוז דיך טרעפן אַף מיין וועג!
און דאַן... איך וויים ניט, וואָס איז דאַן,
נאָר גוט — א האָפענונג כאָטש פאַראַן.

און אפשר איז דאָס א געבעט,
אַז דו זאָלסט אויסמיידן מיין וועג,
און איך צו דיר פון פרי ביז שפעט,
זאָל זינגען ווי דער ים צום ברעג.

*

*   *

אַז וואויל איז דעם
צו וועמעס האַרץ
דער מאַי דערפּירט
מיט שטילער האַנט
אַ פּאָדים בוים,
אַ פּאָדים בלום,
אַ פּאָדים גראָז,
אַ ווינטל בלאָז
און נעמט דאָס האַרץ
דערמיט אַרום.

אַז וואויל איז דעם,
אין וועמעס בלוט
עס בליט אַ קוק
פון יונגן בעז.
אַ שטילער בליק,
געהיימער נס
פון אויגן גליענדיקע צוויי
אין ליליען־באַקן
קלאָר ווי שניי.

אַז וואויל איז דעם,
וואָס האָט אין מאַי
צעזונגען זיך
גאָר אַפּדאַסניי
מיט נייעם קלאַנג,
מיט יונג געזאַנג
פון ערשט־פּאַרזייטן
גרינעם זאַנג,
און טראָגט זיין ליד
אַלס אַ געשאַנק
פון צייטיק פרוכט
אין הערצער שראַנק.

זיך פאַרשלאָסן

כ׳האָב אין גאָרטן זיך פאַרשלאָסן
און פאַרריגלט פעסט די טיר.
קלאַפּסטו שטילערהייט אין פאַרקן,
ענטפערט קיינער, קיינער דיר.

גייסטו מיך אין גאַסן זוכן,
זעען וועכטער דיך דאָרט גיין,
קוקן זיי דיר נאָך פאַרוואונדערט:
גייט אַ מיידל שפעט אליין.

אַ גוטן טאָג

איך האָב געזאָגט אַ גוטן טאָג
און בין נאָך שטיין געבליבן,
ס׳האָט עפעס מיך געלאָקט צוריק
און עפעס האָט געטריבן.

בין איך געבליבן פאָרט מיט דיר
און איינזאַמער געבליבן,
געצויגן עפעס האָט צו דיר
און עפעס האָט געטריבן.

עס איז געווען קאַלט אַרום,
האָסטו צוגעזאָגט מיך ליבן.
געפירט האָט איינזאַמקייט צו דיר,
נאָר ד ו האָסט מיך געטריבן.

געביטן קאַלירן

ווינטערצייט, ווינטערצייט, אומעטיק, קאַלט.
איך האָב אין דיין הארצן אַ פייער צעבלאָזן.
פרילינגצייט, פרילינגצייט אָטעמט זיך פריי.
איך האָב דיר אין פרילינג פאַרלאָזן.

איצט זיצסטו אַליין און דו קאָנסט ניט פאַרשטיין —
אין ליבע־צייט ליבע פאַרלירן?
ניט וואונדער זיך, קינד, קוק זיך אום ועסטו זען,
אַז אַלץ האָט געביטן קאָלירן.

שפּיל מיר אויף

אוי, שפּיל מיר אויף אַ לידעלע,
דאָס פידעלע באַריר.
זי האָט צום הארץ אַ שלעסעלע,
אַ שלעסעלע פאַר מיר.

איך האָב געהאַט אַ שליסעלע
אַמאָל, אַמיל, אַמאָל,
האָט זי אַ נייע טיר צום הארץ
געמאַכט פון קאַלטן שטאָל.

איך פּרוואוו נאָך אַמאָל עפענען,
ברעך שליסעלע און טיר.
איך זוך די פרייד אין ליבערס הארץ,
נאָר פּוסט איז עס פאַר מיר.

ווי אַן אוצר

ווי אַן אוצר אַ פאַרבאַרגענער
ביסטו אין האַרץ געלעגן.
כ'האָב דיר זוכן ניט באַדאַרפט
אַף מיינע וועגן.

ס'האָט דיין יעדער בליק אַנטפּלעקט פאַר מיר
דיין סוד, באַגערטע.
איצט פאַרשט מיין אויג דעם סוד אין דיר,
אין דיינע ווערטער.

ביסט דאָך נענטער מיר ווי אימער
און מער פאַרשייט,
וואָס-זשע קען איך דיך ניט פילן
ניט נאָענט און ניט ווייט?

געדיינקסטו?

געדיינקסטו דעם פאַרנאַכטן שמייכל
אַפן שטילן ברעג?
מיר האָבן אויסגעקושט די לעצטע שטראַלן
זיי-געזונט אין וועג.

געדיינקסטו נאָכדעם ווי די שטערן —
איינגעלאָך פון רוים —
האָבן אונדז געהאָלפן שפּינען
אונדזער טרוים?

איצטער ווען דעם שטורעמס קייכן
ווייט פון ברעג אונדז שטויסט —
וואו זאָלן מיר זוכן אונדזער
האָפענונג און טרייסט?

דער רוף

וועמען ס׳רופן ברייטע וועגן,
ווענען איינגע היימען;
ווענען ס׳רופן שפיצן בערג און
ווענען לעבנס תהומען.

ווער עס הערט זיין רוף, מוז באלד
גאָרניט טראַכטן, פרעגן.
מוז ער אויפהויבן זיך, גיין
גלייך זיין רוף אַנטקעגן.

נאָר אַז איינער הערט זיין רוף
און כאַפּט ניט אויף פון וואַנען,
מוז ער אויף אַ בלינדן וועג
דורכן לעבן שפּאַנען.

ווער קומט

טיפּ—טאַפּ—טאַפּ...
איך הער די טריט.
ווער קומט? ווער קומט?
קומט אַן אין פריד.

ס׳איז אָפן טיר
פון מיין געצעלט.
אַ קרוג מיט וואַסער
אַוועקגעשטעלט.

איך אייל אַנטקעגן
צו וואַשן פיס.
נאָר דער, וואָס קומט,
ווער איז?

גליק און אומגליק

געקומען איז צו מיר דאָס גליק
און זיך גענומען בעטן:
לאָז מיך היטן דיינע טריט,
דיינע וועגן בעטן!—

צעשטראַלט האָט זיך אין יענע טעג
אַ העלע פרייד אויף וועגן.
וואוהין איז זי עס איצט אַוועק?...
נאָר וואָס איז דאָ צו פרעגן?

דערווידער איז געוואָרן מיר
מיט גליק די טעג פאַרברייגגען,
און אומגליק לאָקט מיך בײַ זיין טיר
און נעמט אויף האַלדז זיך הייגגען.

איז אומגליק מיר געוואָרן זיס
אין זינד, אין צער, אין פיינען...
און גליק?— פאַרשטויסן פאַר די פיס
קלאָגט טאָג ווי נאַכט און טענהט.

אין הימלען, אין הארצן

קרייזלען אין הימלען זיך וואָלקענעס אַשיקע,
דעקן, פֿאַרדעקן דעם בלוי —
קייקלען אין הארצן זיך טרערנדלאַך ראַשיקע,
פֿייכטן די אויגן ווי טוי.

נויגן די ביימער די שפּיצן און הוידען זיך,
רייסט זיי אָפּ ווינטן־געדריי —
שעפּטשעט אַ הארץ צו אַ צווייטן און סודעט זיך
בלייבט יעדעס הארץ מיט זיין וויי.

באַלד וועט זיך הימל אַראָפּלאָזן נידריקער,
אויסגיין אין הארבסטיק געוויין —
באַלד וועט אַ הארץ זיך אַ צאַפּל טאָן ציטריקער
און וועט אין טרויער פֿאַרגיין.

רעגן

.1

אין פאַרטיערן גרויע האָבן אויסגעפוצט זיך הימלען
צום פּאַראַד פון קומענדיקן רעגן.
שפּיצן בערג פאַרוויקלטע אין איינגעוויגטע דרימלען
בא דער זייט פון רוישיקע און אַספאַלט-גלאַטע וועגן.

מאַניען ערגעץ-ליגנדיקע טונקל-גרינע טאָלן,
שעפּטשען שטיל און פליסטערן צום בייגקענדיקן האַרצן:
— וויפל איז דער שיר צו ליגן צווישן שטיין און שטאָל און
לאָזן זיך פון שטאָטיש רויך און שטאָטיש ווי פאַרשוואַרצן?

ווי-זשע קען מען ענטפערן איניינעם מיט די פּאַלמען,
שאָקלען זיך אין האַרבסט אין ווינט און ענטפערן ווי זיי:
— ווער עס שלאָגט די וואָרצלען טיף אין ערד קען דאָך נאָך אַלעמען
ניט לאָזן זיך אין הפקר-וועלט מיט פריידיקן געשריי? —

.2

עס האָט זיך אָנגעהויבן לאַנג נאָך פאַרן רעגן.
אין מערב־זייט האָט וואָלקן זון פאַרשלונגען
און האָט פאַררויטלט און פאַרשעמט
זיך ווי אַ קינד, וואָס אים איז ניט געלונגען
עפּעס וויכטיקס בײַ אַ גרויסן פרעגן.

און נאַכט האָט זיך מיט שוואַרצן סוד פאַרקלעמט,
זיך איינגעקלאַמערט אינם שוים פון מוטער־ערד
און אויפגערייצט אין איר אַ פייערדיקע לוסט.
דאַן האָט אַ שטילע האַנט אַרויסגעשלעפּט אַ שווערד
און דורכגעשניטן זוים פון וואָלקן העמד

און דורכגעשלאָגן וואָלקן ביזן סאַמע ברוסט.
און וואָס מיינט איר איז דאָרט געלעגן?
פון וואָלקנס ברוסט ביז וואָלקנס טראַכט
דער זונס צענויפגעפּרעסטע רויטע לוסט
האָט זיך צעקלאָגט אין רעגן
אין מיטן נאַכט.

3.

מיר איז גוט — איך דאַרף זיך היינט ניט פּוצן
קעגן גלאַנץ פון זון באַפאַרבטן טאָג.
קום, מיין פריינט, און פרעג: צו וועלכן נוצן?
ווילסטו שילטן — שים אַרוים: — אַ קלאָג! ...

פאַלמען שפּרייטן גרינע הענט אין טיפן טרויער.
וויינט אין זיי דער ווינט זיין צערדיק געוויין,
שאָקלען זיי זיך איבער מיר און שעפּטשען שטיל אין אויער:
„אַך, ווי שווער אין רעגן טעג זיין איינזאַם און אַליין!“

קום, מיין פריינט, און לאָמיר בײדע וויינען
גלאַט אַזוי, ניט ווינדיק פאַרוואָס.
ס'איז ניטאָ פאַר וועמען זיך צו חנען —
אַלץ אַרום — אין טרערן גאָס נאָך גאָס.

ביינאַכט

מיט די ראָג־לאָמפּן זיך צינדן אָן די שטערן,
און ערגעץ־וואו שווימט אַ לבנה שטיל אַרויס,
איז גייסטו ערשט אַרויס פון הויז און נעמסט באַקלערן,
אַז אייגנטלאַך איז דאָך די וועלט נאָך ברייט און גרויס.

נאָר דו קענסט יעדן צופּ־אין־האַרצן ניט פאַרגעסן,
ווייל דיינע טעג און נעכט האָסטו פאַרקויפט פאַר ברויט,
און ס׳ליגט דער יאָך אַף דיר. דו קענסט אים ניט פאַרמיידן,
ווי ס׳קען אַ מענטש ניט אויסמיידן דעם טויט.

אַ ווייטיק אַזאַ כשופט אין דער נאַכט, דער שטילער,
און יעדע גרויע האָר ווערט ווידער שוואַרץ.
איז גוט וואָס ס׳איז נאָך דאָ אַ בייקשאַפט אַזאַ שטילע
און הייסע בלוט, וואָס אינגלט זיך אין האַרץ.

זומער

מיר ווערלן היינט קיין גראָז, קיין בלומען ניט באַזינגען,
ווייל ס'בליען ניט קיין סעדער אַף די גאַסן פון אַספאַלט;
און נאַכטיגאַלן שטומען, וואו די טראַמען קלינגען,
וואו מענטשן-שווייס, ווי שווערע רעגן-טראָפּנס פאַלט.

אין טראַמען איינגעשאַפּט שטאַרבן לעצטע שטראַלן,
און עמיצער אָן אויפהער רויכערט... הוסט...
און קערפּער מידע באַ דעם מינדסטן טרייסל פאַלן
און צינדן אָן מיט אַן עלעקטריק-שטראָם די לוסט.

„וואָס הערט זיך איצט באַ דיר? און צי מען מאַכט אַ לעבן?"
און אַ צעקרימטער לאַך פון פּליצעס איינגעבויגן...
ווי קען מען פילן דיך, ווען ניט די היץ, אָ, זומער-לעבן,
וואָס האָט זיך, זאָגט מען, ערגעץ-וואו אַף פעלדער אויסגעצויגן.

צו מיינע זין

א.

זין, מיינע זין, אַז וואויל איז מיר און גוט,
וואָס איר זייט אָנגעקומען.
מחמת ווידער רוישט דער פרילינג אין מיין בלוט,
און וואַסער־שטראָמען ברומען
פון די הויכע בערג און ביזן ברייטן טייך —
זין, מיינע זין, עס איז מיר גוט מיט אייך.

ווי וואָלט איך אַליין מיין אומרו איצט פאַרטראָגן,
מיינע ליבע זין ?
איך וואָלט דאַרפן זיך אַ גאַנצן פרילינג יאָגן
נאָך אַ ווינט און נאָך אַ ווינטעלע — האָט דאָס אַ זין ?
און פּרוּאוון זיך אַליין אַרויסצושלאָגן
פון די זיידענע געוועבן פון אַ שפּין.

איצט האָב איך אייך איינגעטיילט מיין אומרו — איז מיר גרינג,
איז מיר גוט אַזוי.
יאָגט איר זיך אַ גאַנצן טאָג מיט דראַכן נאָכן ווינט
ביזן טיפן הויכן בלוי.
זיץ איך אָפן גאַניק און צו אייך איך זינג,
כאָטש ס׳פאַרבט זיך שוין דער שוואַרצער וואַלד פון מיינע האָר אין גרוי.

ב.

נאָר אַט הויבט אויף אַ טשירקען זיך אין לופטן ווי אַ סטייע ראָבן.
ווערט פאַרשטעלט, פאַרשטערט די פרילינג־שיין,
און אַ שאָטן פון אַ שטאָלן פייגל אָן אַ שנאָבל
שטעלט זיך מיר אַנטקעגן: „וואָס וועט זיין?“

און עס מישן אויס זיך ערד און תהום און הימל.
דינע גרינע נעפּלען היינגען אויסגעשפּרייט.
שטיל ווערט רויש פון שטאָט. אינמיטן פרילינג טומל
וויינט די וועלט אין ציטער פאַרן טויט.

קומט איר צו צו מיר און לייגט אין שויס די קעפּלאַך.
„זייט איר, קינדערלאַך, שוין מיד פון יאָגן זיך נאָך ווינט?
צי האָט אייער יונגע האַרץ דערפילט די גרינע נעפּלען,
וואָס היינגען איבער אייך שוין, כאָטש דער פרילינג גרינט?“

ג.

דו זאָגסט, דו האָסט געזען אַ טרער אין אויג
באַ מיר, מיין קינד?
דאָס איז אַ טראָפּן טוי. איך האָב געגעבן זיך אַ בויג,
האָט מיך באַשפּריצט דער ווינט.
דו זעסט, אַ שטערן איז אַרויס, און די פאַבריק
האָט אָפּגעפּייפט שוין איר פאַרנאַכטיקן געזאַנג,
און באַ דעם שכן אָפן פענצטער שטייט אַ שטייגל; אין זיין וויג
שלאָפט שטיל דאָרט דער קאַנאַריקל שוין לאַנג.

איילי‌ע ליו ליע ליו ליו ליו,
בלויע טויבן ברענגען רו.
אַף די פּאַלמען שלאָפט דער ווינט.
שלאָפן וועט אויך באַלד מיין קינד.

ד.

איך וועל איינשלאָפן אַ מידער נאָך אַ טאָג פון שווערער מי.
דו וועסט זיצן, וועסט זיך קלאַפּן אין דער אָפ'נער טיר פון לעבן.
וועסט צולויפן און געבן מיך, אַ שלאָפיקן, אַ צי
און וועסט בעטן איך זאָל דיר צום טיר אַ שליסל געבן.

וועל איך זאָגן: „זון מיינער, עס ליגט פאַר דיר אַ גלייכער וועג,
ס'שטייען אָפן דאָך פאַר דיר אי טיר, אי טויער.“
וועסטו מיינען, אַז איך שפּאַס. וועסט געבן מיך אַ פרעג:
„וואָס-זשע דריקט אַזוי מיין האַרץ דער שווערער טרויער?“

וועל איך ענטפערן: „דו ווייסט דאָך — דער וואָס זייט מיט טרערן,
שניידן וועט ער זיינע זאַנגען מיט געזאַנג —“
כאָטש כ'וועל זיכער ווייסן, אַז וואו דו'סט זיך קערן,
וועסטו אָנטרעפן נאָר שטאַנג און צוואַנג, און שלאַנג.

ה.

און וואָס וועל איך טאָן, ווען דו'סט פרעגן:
„זאָג, טאַטע, ווי קום איך אין וועלט?“
ווי וועל איך דיך פירן אַף וועגן
פון גליטשיקן פראָסט און פון קעלט?

ווי וועל איך דיר קענען דערציילן
פון אייגענער שאַנד און פון זינד,
וואָס לויערט אין טונקעלע היילן —
מיט דיר אויסגעקויפטע, מיין קינד?

ווי וועל איך דיר קענען באַמאָלן
דיין מאַמעס ציטער און שרעק,
ווען דו האָסט דורך פינצטערע טאָלן
גענומען זיך זוכן אַ וועג?

און ווי זאָל איך גלייך דיר דערקלערן:
מיר האָבן נאָך דיר ניט געגאַרט —
ווען ס'ציטערט מיין מויל בא דיין שטערן
און ס'גלעט דיך מיין האַנט אַזוי צאַרט?

ו.

עס שפּיגלט זיך מיין גרויער קאָפּ אין שאַרף פון האַק
אַרום דעם בויג פון שטיל אין דיינע הענט.
און מיין געשריי דערהערסטו ניט, און זעסט ניט טרער אַף באַק,
ווייל צווישן מיר און דיר זיך גרויען קאַלטע ווענט.

אַן איינציק פּעדימל פאַרבינדט — אַ נאָמען נאַר.
מיט האַרטקייט פון דיין מוסקול גייט מיין קוש אַוועק,
און ס'ווערט מיין ברויט, מיין הויז פאַרמיאוסט גאַר,
און פרעמד ווערט דיר מיין דאַרנדיקער וועג.

ס'קען זיין, אַז איך וועל אָנבויגן פאַר דיר מיין קאָפּ,
ווייל „דיין צעשטערער קומט פון דיר אַליין אַרוים"...
נאַר גוט איז מיר, וואָס איצט כאַטש שפּיגלסטו מיין שמייכל אָפּ
און אומבאַהאָלפן שטרעקסטו נאָך די זיסע הענטלאַך אוים.

ז.

... און פונקט ווי איצט וועט זיין אַ פרילינג נאַכט.
אַפילו דער אַספּאַלט פון גאַס וועט דופטן בעז.
ווּעסטו דערפילן אין דיין שטייגנדיקן בלוט דערוואַכט
די זאַמען ביינקשאַפט נאָכן גרויסן נס...

און שפּעטער וועלן בלינד דיך אָנקוקן די הייזער אין דער נאַכט,
און בלויע סיון-לופט וועט פירן דיך אַף גאַסן ברייט.
און הינטער יעדן פּלויט וועט זוכן דיין פאַרדאַכט,
אַז דאָרטן ליגט דער נס פאַר דיר געגרייט.

צוריק אַהיים וועט פינצטער זיין דער וועג,
און פירן וועט דיך שוין די מורא פאַרן טויט.
ווּעסטו דאַן צולויפן צו מיר, דעם שלאָפיקן אין בעט,
נאָר מיין דערשטווינטער בליק וועט הערן שטומע רייד.

נאָר מיין דערשטווינטער בליק וועט הערן דיין „צואוואָס?"
און איך וועל זאָגן דיר: „מיין זון, ס'איז שפּעט!"
וועט שטאַרקער זיך צעדופטן בעז-געְרוך אין חצות —
אַן ענטפער צו די רייד, וואָס דו האָסט ניט דערערעדט.

קאַליפאָרניע

ביים פּאַסיפיק

.1

פּאַלמען שומרים היטן ווייסע מדברדיקע בערג,
פּאַכען דורכן ווינט מיט אויסגעשפּרייטע צווייגן,
שושקען זיך פון הויכן מיט די בלויע כוואַליעס'
ווייסן שוים, וואָס זינגט זיין אייביק ליד
פון פאַל און שטייגן, פאַל און שטייגן.

ווייס-צעבלויטער, שוימיק-ראַשער ימען-קוש
מיט די האַרטע שטיינערדיקע ברעגן
האָט געבוירן ווייסן נאָכגעביקן זאַמד, וואָס
גינגאַלדט זיך אַ גאַנצן טאָג דער זון אַנטקעגן.

ווייס און גרוי געברוסטע מעוועס טראָגן אַ געריס
פון דעם סודותדיקן לעבן אין די טיפן
און צעשרייען זיך אין הילפלאָזן געשריי,
ווי אין שטורעם-נעכט אין וויטן ים פאַריאָגטע שיפן.

זאַלצפייכטע לופט-כוואַליע צעשפּרייט
זיך אויף מיילן ווייט אין אויסגעהיצטע שטעט;
מאַניעט ווי רוסאַלקעס זיסער קול בייטאָג
קומען וויגן זיך אין בלויער קילער ימענבעט.

אָבער ווער, אַ חוץ צעפּרעסענע פון זאַט,
פאַרנעמען קענען דעם רוסאַלקע-רוף אין וואָך
אונטערן גערויש פון אייזן, שטאָל און שטאָט,
איינגעשפּאַנט אין שווערן זאָרגניאָך?

וואַרט מען אויף דער זונטיק-רו און דאַן
לאָזן זיך קאָלירטע פייגל, אויטאָ-רייען,
צום פּאַסיפיק-ברעג אין לייכטן ווינטל-בלאָז
גרויע וואָכיקייט און שטאָטישקייט פאַרוויען.

.2

ווי מידע מעוועס נאָך אַ לאַנגן פלי
צעשפּרייטע שטייען אויפן ווייסן זאַמד
די ביידלאַך, דעקעס, שירעמס. צווישן זיי
אי יונג, אי אַלט צעיומטובט טאַראַאַמט.

משפּחותווייז צעלייגט מען זיך באַם ברעג
מיט כלים, עסנוואַרג, מיט קינדערשן געשריי,
און כוואַליעס שפּילן זיך און וואַשן יונגן גוף,
וואָס ציטערט שטיל און פרייט זיך אינם וואַסערנגעדריי.

די זון, דער ים און אומשולדיקער באַזונטער זאַמד,
אין דרייען קושן אוים פון הערצער גרויע זאָרג,
אַז יעדערער פאַרגעסט זיין עלטער און דערלויבט
באַ קינדהייט ווייטער נעמען זיך אַ שפּילכעלע אויף באָרג.

.3

הערט זיך אינם בלויען הויך אַ זשומען —
קוקט מען אין דער בלויקייט,
שרייען קינדער: עראָפּלאַן!
פרעגן תמימותדיק מיט וואונדער-בליק באַנומען:
„מאַמע, זיצט דאָרט אין מאַשין אַ מאַן?"

פליט אַ נייער פויגל איבער כוואַליעס,
פליט דערווייל אין הויך און קיינעם רירט ניט אָן.
עפּעס רודערט זיך אין שטילע ימען-סאַליעס,
רוישט דער שטילער אָקעאַן אין נייעם טאָן.

שטילע טריט פון עקן האריזאָנטן...
קלינגען אינם וואַסער כוואַליעס-בלוט.
ערגעץ גרייט מען זיך אויף וואַסערדיקע פראַנטן
אין דער היץ פון האַלב-עקוואַטאָרישן גלוט.

.4

שוואַרצע פּעטקייט אין די טיפֿע ערד־גערערים.
פּלאַצט אַן אָדער דאָ און דאָרטן—פּעטקייט שפּריצט אַרויס.
קריכן אַרום ברוגימער פֿאַרשמירטע קנעכט, ווי ווערים,
און צערייסן טיפֿע אוצרות פֿאַרן הערשערס הויז.

הערשער ווילן ניט נאָר אוצרות טיפֿע, נאַסע,
הערשער ווילן גאָלדן פֿישעלע פֿון ים.
איז אין טיפֿקייט פֿון דער ערד צעגליט די מאַסע
וואַרט דער אייל צעגליען זיך אין פֿלאַם.

.5

ווייס־שוים קושט ווייס־לייב, ווייס־לייב קושט ווייס שוים;
זינגען שלאַנקע גלידער אומרו־ליד;
שמייכלט דער פּאַסיפֿיק ווי אַן אַלטער כעסן,
ווען קינדער האָבן שפּילן זיך פֿאַרשלעפּט אין זייער מיט.

גרין־גרויע הענט פֿאַרפֿלאָכטן אַרום טאַליעס.
לאָזן קעפּ און יונגע בריסטן זיך אין טאַנץ;
גליען תאוהדיק־צערייצטע עמעראַלדן־כוואַליעס
אין אַן אָרעאָל פֿון שטראַלנדיקן גלאַנץ.

שטייען שטעט, עס הויבן זיך פּאַלאַצן —
שפּילן פֿריילאַך קינדער אַפֿן ברעג.
ים צעקלינגט זיך אין מלחמה־טאַנץ,
שלעפּן כוואַליעס קינדער־פֿרייד אַוועק.

.6

טונקלט זיך בלויע מחיצה,
ווערט ים פֿאַרשוואונדן אין נאַכט.
ברעג־פֿייער. שאָטנדלאַך זיצן.
שאָטנס פֿון ווייטן געבראַכט.

ווערט דער פּאַסיפֿיק בעריאָזע,
קוקט אוים ווי דניעפּערס אַ ברעג.
ווערט שוין גאָר היימיש. נו, וואָס־זשע?
גיט מען אַ זונג — און אַן עק.

הערן פּאַציפֿישע ברעגן
נייגעריק לידער פֿון דניעפּ׳;
שיינען די לידער אַנטקעגן
זייפֿיקע הריוועס און צעפּ.

.7

מיר האָבן ניט געבויט פֿאַר דיר קיין „געלים" און קיין שיפֿן,
פּאַסיפֿיק! מיט מלחמות האָבן מיר דיך ניט געשפּייזט.
מיר האָבן פֿון ניו־יאָרקער שאָפּ־שטויב מיט אַ וואונד אין האַרץ געדופֿן
דיין דרום־זון, וואָס איבער דיין צעאירטער בלויקייט קרייזט.

מיר האָבן זיך אין געלן זאַמד פֿאַרוואָרצלט דאָ אין טיפֿן
און אויסגעבויט אַן אייגענע, אַ נאָענטע בויל הייטס *)
און מיטגעבראַכט מיט זיך אַן אַלטן נביא׳ס אַפּאָקריפֿן
צו צוימען ווילדע גאָלד־זוכער אין בלוטדאָרשט און אין גייץ.

מיר האָבן זיך פֿאַרבירגערט דאָ, ביסטו געוואָרן נאָענט.
פֿאַרנעמען מיר דיין רוישן איצט, ווי היימישע מוזיק.
נאָר נעענטער נאָך ווערסטו אונדז אין טונקל־בלויען אָוונט,
ווען איבער דיר מיט — חודשע לבנה העל אַזוי און נאָענט,
בויט אויף אַ בריק פֿון טרוימען אוים די צייט פֿון פֿרייד און גליק.

*) אידישער נעגנט אין לאָס אַנגעלעס.

אין שאָטן פון ביימער און בערג

יאָסעמיטי, קאַליפ., 1928.

אין שאָטן פוןביימער און בערג

איבער הויכע פעלזן שרייבן ווייסע וואַסערפאַלן
צייכנס, פאַסן, קריצן — גאַנצע ווערק.
פון די שפּיצן שפּריצן — רו און שטילקייט פאַלן
אין שאָטן פון ביימער און בערג.

און אַ גרויער תלמיד-חכם-באַרג אַ כמורער
קוקט אַראָפּ מיט פּעסקע-קאָפּ: אַ ספרדי צי אַ טערק?
שפּרייט דער ווינט דאָס וואַסער-באָרד פון באַרג מיט ווייסער בשורה:
אָט איז רו אין שאָטן-צעלט פון ביימער און פון בערג!

קוקט אַריין דער תלמיד-חכם-באַרג אין בלויען הימל
און דערציילט דעם באַרגן-טייכל מעשות גאַנצע בערג.
כאַפּט עס אויף דער סאָסנע-וואַלד אַרום. וועט ער דען שווייגן?
שושעט ער אין שאָטן-צעלט פון ביימער און פון בערג.

אין באַרגלאַנד

ניט צום פּיקניק איז אויסגעזעצט חברה
אין לאַסט־אויטאָ, ניט צום געיעג.
זיי האָבן אַף רוקנס פון באַרגלאַנד
געלאָזט זיך מיט פּולווער, מיט פּעק.

די מענטש־טריט און אייזל און פערד־פיס
האָט יאָרן געטראָגן דער באַרג,
נאָר פוס־וועגן זיינען פאַר אויטאָס
געוואָרן צו שמאָל און צו קאַרג.

האָט חברה אויף בערג זיך געלאָזן
מיט פּולווער, מיט רידלען, מיט פּעק.
צעשטערן די שמאָלינקע שטעגלאַך
פאַר אויטאָס צו לייגן אַ וועג.

זיי האָבן אַ באַרג־קאָפּ צעלעכערט,
מיט פּולווער פאַרפּילט יעדע לאָך.
און איינער אַ יונגער מיט ביינער
האָט קנויטן צעצונדן און — בראָך!

אַ ברום געטאָן באַרג האָט אין לופטן
אַ ריזיק־פאַרוואונדעטער לייב,
און איז באַלד צעשטיינערט געפאַלן
אַרונטער אין טאָל אין אַ שטויב.

דערווייל האָט אַף שפּיצן פון באַרג־לאַנד
די זון זיך צעגאָסן אין רויט —
אַ קרבן פון בערג צו דעם הימל —
אַ טאָג איז געלעגן דאָרט טויט.

ב.

ווייט-ווייט איבער בערג האָט געטראָגן
דער עכאָ דעם ברום און דעם בראָך,
אַזש שטיינערנע האַרץ פונם באַרגלאַנד
דערפילט האָט אַ ווייטיקן שטאָך.

ביינאַכט האָבן בערג זיך פאַרשלאָסן.
די חברה האָט פייער צעלייגט
און האָט ניט געזען ווי אין חושך
אַ באַרג-קאָפּ צום צווייטן זיך נויגט.

און האָט ניט געהערט ווי אין חושך
צעפייפט האָט זיך הויפטלינג פון בערג,
און האָט דעם גערודער אין נאַכט-טאָל,
דעם שאָטן-געדריי ניט באַמערקט.

עס האָט זיך פון טאָל אויפגעהויבן
אַ מחנה רויט-הויטיקע לייט
און האָט ביז חצות זיך געצויגן
אַף רוקנס פון בערג אינדערווייט.

די חברה איז רואיק געשלאָפן.—
ביז טאָג האָט געמוזט זיין נאָך לאַנג.—
און איבער די בערג זיך געטראָגן
האָט פיילן און שפּיזן-געקלאַנג.

ג.

און ווידער האָט הימל צעבלייכט זיך.
אין באַרגלאַנד געוועזן איז שטיל.
געשטאַנען אומזיסט אין פרימאָרגן
איז דאָרטן דער לאַסט אויטמאָביל.

מען וועט מער קיין לעכער ניט בויערן,
פאַרשאָטן וועט ווערן דער וועג.
עס האָט די רויט־הויטיקע מחנה
די חברה פאַרכאַפּט און — אַוועק.

אַוועק זיינען שטיל אין די קברים
די שיצער פון בערג פון אַמאָל
און באַרגלאַנד האָט זוניק געשמייכלט
אויף קברים פון העלדן אין טאָל.

לייטער

רוקן פון בערג.
הויך,
העכער,
שפּיץ,
קיילעכיק,
קעמל־רוקנס,
קריץ.
ריס,
וואונד.
גיסט
אַ
וו
אַ
ס
ע
ר
פ
אַ
ל
ווייסע בלוט פון בערג
צום גרונט.
בערג ווילן לויפן
כאַפּן שטערן.
שפּיצן נעמען
איינס דעם אַנדערן פאַרוועךן.
איך— אַ פריער.
— ניין, לאָז מיך!
איך וועל לויפן,
— איך קריך גיך.

קלאַפּט זיך שפּיץ אָן שפּיץ —
שטוים,
קריץ,
וו א ו נ ד.
גיסט
אַ
וו
אַ
ס
ע
ר
פּ
אַ
ל
ווייסע בלוט פון בערג
צום
ג
ר
ו
נ
ט.

דעם דיכטערס ליד

אַ ליד האָט דער דיכטער געשריבן
אויפן העכסטן שפּיץ פון די בערג.
זיין אויג האָט קאָלירן געקליבן,
זיין אויער האָט טענער געהערט.

געבלענדט האָבן ווייסע קאַסקאַדן
ווי מאַרמאָרנע הימלישע טרעפּ,
געדרוישט ווי אויף באַריקאַדן
פאַר פרייהייט אַ פאָלק אַ קנעכט.

געשפּרייט האָבן בערג אים אַנטקעגן
די פּורפּורנע, ראָזעווע הענט,
און טאָל איז געקראָכן אויף וועגן
און האָט צו דעם דיכטער גענענט.

און באַרג־שפּראַך האָט דיכטער פאַרנומען,
געלעכטער פון בערג און געשריי
און האָט זיך אַ ליד אויסגעשפּונען
פון בערגיקן פריידן און ווי.

געלייענט האָט ליד זיינס דער דיכטער
און האָט זיך געפרייט ווי אַ קינד.
אַ טרער האָט אין אויג זיינס געפינקלט...
נאָר דאָ איז געקומען דער ווינט.

אַ ריס... און אין טיף־בלויען הימל
טרייבט ווינט אום דעם דיכטערס ווערק.
נאָר באַלד האָט פון אַלע זייטן
דערהערט זיך ס׳געשריי פון די בערג.

עס נעמען זיך שאָקלען די שפּיצן,
אַ שפּיץ אַפן צווייטן זיך הויבט.
עס יאָגן זיך בערג נאָכן הימל,
וואָס האָט זייער ליד צוגערויבט.

עס טראָגן זיך ווינטן ווי פיילן
אין חלל אַהין און אַהער...
און ווען ס׳איז פאַרנאַכט אָנגעקומען
געזיגט האָבן שפּיצן פון בערג.

די קעפּ איינס צום צווייטן געטוליעט,
געלייענט האָט באַרגלאַנד דאָס ליד,
און העכסטער שפּיץ האַלט עס עד־היום
אין שניטן אין טיפע און היט.

כרמלביים ים

1

קושן פונם ים צעשפּרייט אויף סאַסנעם סאַמעט.
רויטלען זיך די ראָזע־בלומען קוסט נאָך קוסט.
כוואַליעס שלאָפן שטיל מיט ווייסן זאַמד צוזאַמען.
ווער־זשע קען עס טראַכטן
אין בלוי פון די פאַרנאַכטן
ווער דו ביסט און וואָס דו טוסט?

2

האָט אַן ערד־ציטער צעשטערט די שטעט און די פאַבריקן?
זיינען איינגע וואוינונגען דערטרונקען אינם ים?
צי האָב איך אַליין פאַרשרפעט אַלע בריקן
און געלאָזט זיך וויגן
פון אַ הפקר־ניגון
אַף די זומער־פליגלען — טאָם טאַראַראָם?

3

זאַט און רחבות אויסגעשפּרייט אויף מיילן.
שלינגט די רואיקייט פון וועג דעם אינוועניקסטן שטורעם.
אַז איך האָב דאָך ניט צו וועמען זיך צו איילן,
וועל איך דאָ שוין בלייבן
געלע זעמדלאַך קלייבן,
פאַר מיין אומרו שטאַטישער זיך אויספאַרמען אַ פורעם.

וועט אַ כוואַליע קומען — זאָל זי פורעם נעמען.
אינם טיפן ים אַריין, ירושה פון דער שטאָט!
וועל איך זיך פאַר שטראַלן זון ניט דארפן שעמען.
פאַר אַ קוש אַף ברעמען
וועל איך שטראַלן נעמען
פאַר די הענט — און האָפּ אין קאַראַהאָד!

צו דער זון

דער באַרג איז געשטאַנען — אַ שוואַרץ־גרויע וואַנט.
מיר זיינען געגאַנגען מיט בליץ־לאָמפּ אין האַנט
און האָבן געגישטערט דעם וועג,
וואו פינצטערע נאַכט האָט אַ ברעג,
וואוהין ס'איז פאַרנאַכט־צייט די זון ערשט אַוועק.

און שפּעט אין דער נאַכט ט'זיך די לבנה צעהעלט.
מיר זיינען געווען זייער ווייט פון געצעלט;
געשושעט אַרום האָט אַ וואַסערפאַל שטום
און נאַכט־ווינט אין צווייגן האָט קריאַת־שמע געברומט.

אַ שלאַנג האָט געשיפּעט: אַרוף און אַרוף!
געוועזן איז מיד יעדער אבר אין גוף,
פאַרחלשט נאָך שלאָף און נאָך רו.
נאָר שטאַרקער האָט בלוט־רויש געפאָדערט: אַוואו
איז די זון, די פאַרשוואונדענע, וואו?

און אָט האָט פון האַרץ־קלעפּ און פוס־טריט די נאַכט
צעבלייכט זיך. עס האָט זיך פרימאָרגן צעלאַכט
פאַר אונדז אויפן באַרג, אויפן שפּיץ.
און דאָרט פון אַ ראָזעווען הימלישן קריץ
האָט אונדז אין די אויגן געגעבן אַ בליץ

די זון, די זון.

זון־אויפגאַנג

(שפּיגל־אָזערע, יאַסעמיטי)

איידער זון איז אויפגעגאַנגען
בין איך באַ דעם ברעג געזעסן,
ס'האָט אין בלויען וואַסער־הימל
זיך מיין פּנים אָפּגעשפּיגלט.
צווישן שטאָלצע בערג פון אויבן
צווישן ווייטע שפּיצן אונטן
און פון גרויע טיפע גרונטן
האָב איך דייטלאַכער פאַרנומען
טריט, וואָס נעענען און קומען,
נאָר דער פּנים פונם אורח
איז מיט טוי געווען פאַרזיגלט.

פלוצלונג האָט אַ סאָסנע־שפּיץ זיך
אָנגעצונדן פאַקל־פייער
און אַ לאַרך האָט זיך צעזונגען,
מאַכט אַ וואָרע, היט זיך, היט זיך,
און אין גלעקלאַך זיך צעקלונגען
האָט אַ טאָג אַ ליכטיק־נייער.

ווייסע לאַמען ברענען, ברענען,
צינדן שפּיצן־בערג אין טייך
כ'קען מיין פּנים ניט דערקענען
אין די פלאַמען אויסגעגלייכט.
גיט מיר אָפּ דעם אורח שלום,
שמייכלט צו מיר גוט און שטום,
און פון מיר גייט אויף מיין חלום
און ער בלייבט אין וועלט אַרום.

אינהאלט:

פוץ זיך אוים — — — — — — — — — — — —

מעין סטריט

דאס פידעלע — — — — — — — — — 7
אז א האנט — — — — — — — — — 8
דער מענטש מיט לאנגע האר — — — 9
אף די ראגן — — — — — — — — — 10
אין גאלד באפוצטע גאסן — — — — 11
ליבע — — — — — — — — — — — 12
טייבעלאד — — — — — — — — — 13
א גנבה — — — — — — — — — — 15
ארום וואגשאל — — — — — — — — 16
ארבעטלאזע — — — — — — — — — 18
אין שקלאפן מארק — — — — — — — 19
אין קעשענעס די הענט — — — — — 20
יעדער טאג — — — — — — — — — 21
פראשקעס — — — — — — — — — 22
גאטס ארמיע — — — — — — — — 23
דער נביא — — — — — — — — — 24
דער טאג — — — — — — — — — — 25
יעדעס ליד — — — — — — — — — 26
דער הונגער אין מארש — — — — — 27

דער אויסדערוויילטער

דער אויסדערוויילטער — — — — — — 37

אונדזער גאס

מאראנצן צימערינג און הערינג — — — 47
נערטענער, פארפלאנץ מיר מיינעביימער 48
א באגעגעניש — — — — — — — — 49
ווער מיר זיינען — — — — — — — 50
וואו ס'איז אונדזער וואוינונג — — — 51
אין שאטן פון פאלמען — — — — — 52
בדמייך חיי — — — — — — — — — 53
שטאט און שטעטעלע — — — — — — 54
לכה דודי — — — — — — — — — 55
שאלאם — — — — — — — — — — 55
עלינאווי — — — — — — — — — 56
ארום טישלאד גרין — — — — — — 56
קאראהאד — — — — — — — — — 57
דער גואל — — — — — — — — — 59
מיר דיין פולק, א וועלט — — — — 60

ביים פלאפל פון בארג־טייכל

ביים פלאפל פון בארג־טייכל — — — 63

אונדזערע טעג

דער סעסמאגראף — — — — — — — — 75
פון אונדזער בויען איז אוועק די פרייד 76
צו די זייער פון ליגן — — — — — 77
אן אויסוועג — — — — — — — — 78
*
* * — — — — — — — — — 79
אויף די גאסן ראגן — — — — — — 80
אייליע ליו — — — — — — — — — 81
רויב־קאפיטאנען — — — — — — — 82
דער וואכער — — — — — — — — — 83
פאר יעדן ביסן ברויט — — — — — 84
צו א שיף — — — — — — — — — 85

שטילער ווינקל

מיינע טריט — — — — — — — — — 89
*
* * — — — — — — — — — — 89
*
* * — — — — — — — — — — 90
זיך פארשלאסן — — — — — — — — 91
א גוטן טאג — — — — — — — — — 91
געביטן קאלירן — — — — — — — 92
שפיל מיר אויף — — — — — — — 92
ווי אן אוצר — — — — — — — — 93
גערדיינקסטו — — — — — — — — 93
דער רוף — — — — — — — — — — 94
ווער קומט — — — — — — — — — 94
גליק און אומגליק — — — — — — 95
אין הימלען אין הארצן — — — — — 46
רעגן — — — — — — — — — — — 97
ביינאכט — — — — — — — — — — 100
זומער — — — — — — — — — — 101
צו מיינע זין — — — — — — — — 102

קאליפארניע

ביים פאסיפיק — — — — — — — — 111

אין שאטן פון ביימער און בערג

אין שאטן פון ביימער און בערג — — 117
אין בארגלאנד — — — — — — — — 118
לייטער — — — — — — — — — — 121
דעם דיכטערס ליד — — — — — — 123
כרמל ביים ים — — — — — — — — 125
צו דער זון — — — — — — — — — 126
זון אויפגאנג — — — — — — — — 127